


# הקריה

קרית יואל יצ"ו | 127 | בס"ד


# אויסטערלישער חילול שם שמים ר"ל פון שרעקליכע מסירה אריינגעגעבן אין פעדעראלן געריכט אויפצולעזן דעם ווילידזש

**מחרחרי ריב פארלאנגען פון געריכט אויפצולעזן דעם גאנצן ווילידזש וואס איז נתייסד געווארן דורך רבינו הקוה"ט זי"ע און צוריקצוגיין אונטער די פירערשאפט פון טאון אוו מאנרא**

## פארצווייפלטער פרואוו צו שעדיגן די גאנצע שטאט אלס 'נקמה' קען ברענגען ביטערע קאנסעקווענצן פאר יעדן איינציגן איינוואוינער, אפילו ווען קלאגע פאלט דורך! - גוי'אישע מידיא נוצט קלאגע צו פארשווארצן פנים פון אלע חרדי'שע אידן

מיט גרויס שוידער האבן תושבי קרית יואל אויפגענומען די נייעס איבער די שענדליכע מסירה וואס איז אריינגעטראגן געווארן אין געריכט גענצליך אויפצולעזן דעם ווילידזש און צוריקגיין אונטער די פירערשאפט פון טאון אוו מאנרא.

די קלאגע איז אריינגעגעבן געווארן אין פעדעראלן געריכט, אין דרום דיסטריקט פון ניו יארק וועלכע געהער צום צווייטן סירקוט פון פעדעראלן קאורט אוו אפיעלס, וועלכעס פארפיגט איבער גאנץ ניו יארק און נאך עטליכע שטאטן. די קלאגע איז צוגעטיילט געווארן צום ריכטער זשעד רעיקאף, וועלכער האט פארפיגט איבער אן ענליכע קלאגע וואס די זעלבע מוסרים האבן אריינגעגעבן מיט 14 יאר צוריק.

דער ריכטער האט באשטימט דעם דאטום פון קומענדיגן יולי 14, דאנערשטאג פר' פנחס, פאר א קאנפערענץ אויסצוהערן ביידע צדדים, און די צווישן צייט ווערט אויסגענוצט דורך די חברה ארומצולויפן צו די גוי'אישע פרעסע און יעדן וואס איז גרייט זיי אויסצוהערן, און באשמוצן אויף א מורא'דיג שענדליכן פארנעם די הנהלת הווילידזש.

### שוידערליכער חילול השם פארשווארצט דעם פנים פון גאנצן חרדי'שן אידנטום

בעפאר די פאפירן זענען אפילו סערווירט געווארן פאר די געטרייע

(פארזעצונג אויף זייט 13)

ותשועה ברוב יועץ

## דרייווערס און פיסגייער דיסקוסירן טרעפיק-איבערבייטערונג-פלענער ביים פובליק קאנפערענץ

דעם פארגאנגענעם מאנטאג פר' חקת איז אפגעהאלטן געווארן מיט א שטארקער סוקסעס דער היסטארישער "טרעפיק-איבערבייטערונג קאנפערענץ", וואו עס זענען אויסגעשמועסט און דיסקוסירט געווארן די מאסיווע רענאוואציע-פלענער פונעם געוואונטשענעם צען-מיליאן-דאלערדיגן פראיעקט וואס וועט גענצליך איבערמאכן און פארבעסערן דעם גאנצן 'טרעפיק פארקער' איבער די צענטראלע קרית יואל'ער גאסן.

ווי באקאנט עקזיסטירן שוין די צענטראלע גאסן פון בעיקערטאון, עיקערס, מאונטען און פארעסט, לאנג בעפאר דעם גרינדונג פון קרית יואל! אבער איבערהויפט איז עס צום דערקענען אין די לעצטע 37 יאר, זינט קרית יואל איז פארוואנדלט געווארן פון א קליין שטעטל צו אן עיר ואם בישראל, וואס דאס האט נאטורליך מיטגעברענגט מיט זיך א שווערער טראפיק אישו וואס וואקסט מיט מיט'ן וואוקס בליעה"ר אין קרית יואל.

דער ווילידזש האט אין די לעצטע פאר יאר אריינגעלייגט אסאך מיה און געזיצן מיט גרויסע טרעפיק קאנסאולטענטס און אינדזשעניר'ן אויסצוארבעטן פלענער וויאזוי צו פארברייטערן די צענטראלע גאסן און וואו עס פעלט זיך אויס צוצולייגן באזונדערע טוירן-לעינס פאר די קארס און וואו מען זאל אינסטאלירן טרעפיק לייטס, אא"וו.

אין די זעלבע צייט האט דער ווילידזש געארבעט

(פארזעצונג אויף זייט 2)

אין בעפארברייטונג צו די זומער חדשים:

## סעיפטי קאנפערענץ דורך עמוירדזשענסי באאמטע פון ניו יארק און ניו דזשוירזי פארגעקומען אין קרית יואל

**פאררופן דורך די דריי חסידי'שע ווילעדזשעס אין ניו יארק - אנגעפירט דורכ'ן ווילידזש פון קרית יואל - אין זאל פון אשת חיל דקרית יואל**

א וויכטיגער סעיפטי קאנפערענץ איז פארגעקומען דעם פארגאנגענעם מאנטאג פ' שלח אין זאל פון אשת חיל, וואו עס זענען זיך צוזאמגעקומען די העכסטראנגיקע עמוירדזשענסי באאמטע פון אלע ארומיגע געגנטער, אויסצושמועסן וויכטיגע פונקטן אין בעפארברייטונג צו די זומער חדשים.

דער זיצונג איז פאררופן געווארן אין ליכט פון דעם גרויסן פארקער פון טויזנטער חרדי'שע אידן בליעה"ר וועלכע פארן ארויס קיין אפסטעיט ניו יארק אויף די זומער חדשים, וואס דאס פארלאנגט אסאך מיטארבעט צווישן אלע עמוירדזשענסי אגענטורן צו קענען שטיין צו הילף אז אלעס זאל דורכגיין בשלום מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף.

דער "ערב זומער מיטינג" איז נישט קיין נייע זאך, עס פלעגט פארקומען יעדעס יאר אזעלכע זיצונגען דורך די פאליציי פון ניו יארק סטעיט, אבער אזוי ווי די סטעיט פאליס האט געמאלדן אז זיי וועלן נישט צושטעלן היי-יאר די אלע פארזאמלונגען ביי זיך, דעריבער איז באשטימט געווארן מיט די פאליציי אז היות קרית יואל איז דער גרעסטער ווילידזש פון די אלע חרדי'שע געגנטער וועט דאס זיין די פאסיגסטע פלאץ צוזאמצורופן אלע אגענטורן אין קרית יואל.

צו דעם צוועק האט דער ווילידזש ספעציעל

(פארזעצונג אויף זייט 23)

עדיטאריעל:

## רבן דקרו!

זייט 3

## ווען מען באָרט א לאך אין די איינענע שיף...

זייט 12

## א געזונטן זומער פאר תושבי ק"י ווינטשט "הקריה"

# קרית יואל'ער דרייווערס און פיסגייער טוען דיסקוסירן און אויסשמועסן טרעפיק־אויסברייטערונג־פלענער ביים פובליק קאנפערענץ; פארגאנגענעם מאנטאג חקת אין קרן וויאל משה

## אין בעפארברייטונג צום מאסיוון צען-מיליאן-דאלערדיגן טרעפיק-פארברייטערונג פראיעקט

## פלענער-איבערזיכט פרעזענטירט דורך אינדזשענירן - מיינונגען; פארשלאגן; און געדאנקען אויסגעשמועסט געווארן

(פארזעצונג פון זייט 1)

אומערמידליך צו פארשאפן רעגירונגס פאנדס, כדי צו קענען דעקן די קאסטן פון די פראיעקטן אז עס זאל נישט פאלן צו לאסט אויף די שטייערצאלער, און מיט סייעתא דשמיא האט די ווילידזש ערהאלטן א באשטעטיגונג פון די רעגירונג אויף ארום ניין מיליאן דאלער אין גרענטס צו וואס דער ווילידזש דארף אליין צולייגן - פון 5% ביז 20% פון די קאסטן - ארום א מיליאן דאלאר וואס וועט בעז"ה געשאפן ווערן אין באנדס צו פינאנצירן דעם היסטארישן פראיעקט.

### דער מאסיווער "טרעפיק אויסברייטערונג פראיעקט"

אין דעם פראיעקט וועלן איבערגעמאכט ווערן די גאסן פון בעיקערטאון, מאונטען, עיקערס, פארעסט, און קאונטי רוט 44, די אלע גאסן וועלן פארברייטערט ווערן ביז 40 פיס ברייט, צו פארגרינגערן דעם טראפיק אריין און ארויס פון שטאט. ווי אויך וועט אינסטאלירט ווערן ברייטע באקוועמע סיידוואקס אויףביידע זייטן, וואס וועט פיל פארגרינגערן פאר די פיסגייער.

ביי אלע אינטערסעקשאנס וועלן אינסטאלירט ווערן ספעציעלע "טוירן לעינס" וואס וועט פארגרינגערן פאר די מאטאריסטן וואס דארפן זיך איינדרייען צו די זייטיגע גאסן. באזונדער וועט אי"ה אויך פאררעכטן ווערן די דרעינידזש פראבלעמען וואס פלאגן טייל פון די אלטע גאסן.

אויסערדעם וועט מען ביי צוויי ערטער גענצליך פארקירעווען דעם ראוד כדי צו פארבעסערן דעם טרעפיק. דאס ערשטע ביים אינטערסעקשאן פון בעיקערטאון צווישן ישראל זופניק דרייוו און דינוב ראוד, וואו עס איז לעצטנס אינסטאלירט געווארן א סטאפ סיין, וועט אצינד דער ישראל זופניק ראוד פארקירעוועט ווערן און ווערן אויסגעגליכן פאר איין גלייכע ראוד מיט דינוב ראוד.

די צווייטע פלאץ איז ביי קאונטי רוט 44 נעבן טעטש, וואו מען וועט פארקירעווען דעם ראוד, אז עס וועט מער נישט אריינפארן שיף אין מאונטען ראוד ווי ביז היינט ווי א "Y", נאר עס וועט ווייטער פארן גלייך ביז מאונטען ראוד אין פארעם פון א "T", און עס וועט אראפגעשטעלט ווערן א "סטאפ סיין" וואס וועט צווינגען די שנעל פארענדע קארס אויף קאונטי רוט 44 צו קומען צו אן אפשטעל איידער זיי פארן אריין אין מאונטען ראוד, און אזוי ארום פארמיידן בעז"ה פון קומען צו א סכנה ח"ו.

### מאנטאג חקת; דער היסטארישער קאנפערענץ!

אין ליכט פון דעם היסטארישן אונטערנעמונג וואס וועט אפעקטירן דעם גאנצן טרעפיק פון קרית יואל אין די קומענדיגע יארן, איז בעז"ה אפגעהאלטן געווארן דער היסטארישער קאנפערענץ פארצושטעלן די גענויע פלענער פאר תושבי העיר, און אויסשמועסן און הערן די מיינונגען, פארשלאגן און קאמענטארן פונעם ציבור, בנוגע דעם פראיעקט.

ביים היסטארישן קאנפערענץ האבן אויפגעטרעטן די אינדזשענירן פון די בארימטע אינטערנאציאנאלע "סטענטעק" אינדזשענירונג פירמע, וועלכע באפאסן זיך מיט דעזיינען די אינדזשענירונג פלענער פאר'ן גאנצן

(פארזעצונג אויף זייט 29)



די אינדזשענירן שטעלן פאר פאר'ן עולם א דעטאלירטן באריכט פון די פלענער



הרה"ח ר' יושע בלומענטאהל הי"ו פייער שעף פון חברה מצילי אש און מו"ה יצחק בערנאטה הי"ו אסיסטענט שעף דעבאטירן די פלענער וואס וועלן פארגרינגערן פאר די פייער טראקס אנצוקומען שנעל צו א הילפס רוף



הרה"ח ר' משה גרובער הי"ו ווילידזש קאנסאלטענט הערט אוים פארשלאגן פון די איינוואוינער



הרה"ח ר' שמעון ליבערמאן הי"ו אייגענטומער פון ליבערמאנס קאר סערוויס שטעלט פאר וויאזוי מען קען פארגרינגערן פאר די קאר סערוויסעס וועלכע פארן ארום אין קרית יואל



הרה"ח ר' חיים פריינד הי"ו און מו"ה אהרן שמואל פוקס הי"ו און מו"ה אברהם יושע פריינד הי"ו פון די מאנרא באס קאמפאני שטעלן פאר די וויכטיגקייט וואס דער פראיעקט וועט פארגרינגערן פאר די באסעס צו קענען קורסירן זיכערהייט אין די שטאט



מו"ה אברהם מאיר מיללער הי"ו וועלכער פירט אן די קאנסטראקשן אין שכונת ברך משה שטעלט פאר די פארלאנגען פון תושבי שכונת ברך משה וואס וועלן אויך געניסן פון דעם פראיעקט

״הקריה״

HAKIRYAH

3 Chevron Rd. #3A

Monroe, NY 10950

**Fax:** 845-774-7945

**Email:** hakiryah@gmail.com

**אריינצושיקן בריוו צו די רעדאקציע, ווי אויך פאר סיי וועלכע פארשלאגן, עצות און קאמענטארן וויאזוי צו פארבעסערן אונזער/אייער אויסגאבע, ביטע שיקט אריין אויף דעם אויבנדערמאנטן אדרעסס. אייער נאמען וועט געהיטן ווערן אין די רעדאקציע אויף אייער פארלאנג.**



Not responsible for typographical errors or opinions expressed by the writers or advertisers. No part of this publication may be reproduced in any form without written consent of the publisher.


***עדיטאריעל:***

# רבן דקרו!

**״ווען נישט דאס שטעטל קרית יואל האב איך גארנישט אויפגעטון אויף דעם עולם!״.**

די מורא'דיגע ווערטער פון רביה"ק זי"ע ליגן טיף איינגעקריצט אין הארץ פון יעדן איינציגן סאטמארן חסיד.

דער רבי זי"ע, וועלכער האט אין הויכן עלטער פון העכער זעכציג יאר באוויזן מיט די אייגענע צען פינגער און אומגלויבליכע סיעתא דשמיא מחזיר זיין עטרה ליושנה און איבערצופלאנצן אידישקייט אין אמעריקע אויפ'ן זעלבן שטייגער ווי אין דער אלטער היים; דער יחיד בדורו, וועלכער האט איינער אליין מציל געווען גאנץ כלל ישראל ממש פון די טומאה הציונית, ווי אויך פון זוהמת אמעריקע; דוקא ער ברוחב בינתו וקדושתו האט גענוצט אזא אויסטערלישן אויסדרוק!

בשעת רביה"ק האט געזאגט די ווערטער האט מען אים נישט געהעריג פארשטאנען, פונקט ווי מיט אסאך אנדערע זאכן וואס דער רבן של ישראל חכם עדיף מנביא האט איבערגעלאזט אלס צוואה לדורות און מ'האט עס נישט פארשטאנען אויפ'ן פלאץ. אבער היינט, קנאפע פערציג יאר שפעטער, איז "אין אדם עומד על דעת רבו עד ארבעים שנה".

ווען מ'קוקט צוריק זעט מען באשיינפערליך אז ווען נישט קרית יואל וואלטן היינט אידישע קינדער געוואוינט צעזייט און צעשפרייט איבער ניו יארק און ווער-וויסט-וואו, נישט האבנדיג דעם צענטראלען באזע פון פשרה'לאזע אידישקייט אויף וועם ארויפצוקוקן, וואס וואלט דורכגעבראכן די חומה בצורה פון קהלות קדושות אין ניו יארק, און קיינער קען נישט פאראויסזאגן די רוחניות'דיגע ירידה וואס דאס וואלט געברענגט - אזוי ווי מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע האט עס קלאר מבאר געווען אין די דברות קודש ביים דינער אין וויליאמסבורג לטובת מוסדות קרית יואל, א' יתרו תשמ"ח.

וואס מ'פארגעסט אבער אמאל אין באטראכט צו נעמען איז דער פאקט אז ווען נישט די מעגליכקייט צו גרינדן אן אייגענעם ווילידזש דעמאלטס אין יאר תשל"ז, וואלט היינט צו טאגס קיין קרית יואל נישט געווען! און נישט נאר דאן, נאך ביז'ן היינטיגן טאג, אויב איז נישטא קיין ווילידזש איז נישטא קיין קרית יואל. פינטל! מאנרא איז נישט מאנסי און נישט ברוקלין. אויב גייען מיר צוריק אין די הענט פון טאון אוו מאנרא, וועט מען ביז געציילטע יאר זיך דערזען מיט א מציאות פון נישט צום רירן זיך. פארגעסט פון בויען פרישע דירות לויטן היימישן געברויך, אפילו די ביז היינטיגע תושבים קענען האבן אזוינע צרות צרורות אז זיי וועלן באדויערן דעם טאג וואס זיי זענען אהערגעקומען!

נישט אומזיסט האט רביה"ק זי"ע בייאויפטראגט די עסקנים צו גרינדען דעם ווילידזש. ער האט געזען מקרוב ומרחוק, אויפ'ן הוה און אויפ'ן עתיד, און פארשטאנען אז אויב דאס שטעטל זאל האבן א דויערהאפטן קיום, אויב וויל ער אז דער קרוין פון זיינע ריזן-ווערק אין אמעריקע זאל בלייבן שטיין ביז משיח'ס טאג, איז נישטא קיין אנדערע ברירה נאר צו גרינדן דא אן אייגענעם ווילידזש!

נאכמער, אז מ'טראכט אריין אביסל טיפער אין די ווערטער פון רביה"ק זי"ע. דער רבי האט נישט געזאגט קיין חידה סתומה, ער האט אנגעגעבן א מילתא בטעמא זאגנדיג אז ער וויל האבן א שטעטל ווייל דער סדר אין אמעריקע איז אז געגנטער קענען ווערן אויסגעשפילט - אזוויווי עס האט פאסירט מיט דער אמאל שפרודלדיגער "איסט סייד" אין מאנהעטן, און אנדערע אידישע געגנטער - אבער אז ער וועט האבן אן אייגן שטעטל וועט דאס בלייבן שטיין לאורך ימים.

איי, וואספארא גאראנטי האט דער רבי געהאט אז דאס שטעטל וועט נישט פונקט

(פארזעצונג אויף זייט 31)

שטארקע דורכברוך:

# ווילידזש וואסער און גארבידזש בילס קענען באצאלט ווערן דורך "קרעדיט קאַרד" און באנק טרענספער

מיט צופרידנהייט ווערט אויפגענומען די מעלדונג אז פון היינט און ווייטער וועט מען שוין קענען באצאלן די ווילידזש בילס דורך קרעדיט קארד און באנק טרענספער'ס, א זאך וואס וועט פיל פארגרינגערן פאר אסאך איינוואוינער צו באצאלן די וואסער, גארבידזש, און ווילידזש טעקס בילס.

דער נייער סיסטעם פון באצאלן דורך קרעדיט קארד - וואס ווערט געטון דורך א באזונדערע קאמפאני - איז שוין אריין אין אפעקט, און דאס וועט איינשפארן פאר פילע דאס דארפן צוריקשיקן דורך די פאסט אדער דאס ארויפקומען אין ווילידזש אפיס צו באצאלן די בילס, נאר אנשטאט וועט מען קענען באצאלן מיט א קרעדיט קארד אדער באנק אקאונט אויפ'ן טעלעפאן.

מען וועט זיך אויך קענען איינשרייבן אין אן אויטאמאטישן פראגראם, אונטער וועלכן דער ווילידזש וועט אויטאמאטיש אראפרעכענען פונעם קרעדיט קארד חודש'ליך צו פארגרינגערן אז מען זאל נישט דארפן אריינרופן יעדן חודש באזונדער.

ביז היינט האט מען נאר געקענט באצאלן דורך קעש, טשעק אדער מאני ארדער, צוליב וואס דער סטעיט געזעץ האט פארבאטן פון לאקאלע מוניציפאליטעטן צו רעכענען א באזונדערע צאלונג פאר קרעדיט קארד פעימענטס, וואס דאס האט באדייט א שטארקע פארלוסט פון די פראצענטן וואס ווערן פארלאנגט פון די קרעדיט קארד פירמעס.

געוועינליכע ביזנעסער און געשעפטן וואס ווילן נישט רעכענען קיין באזונדערע אפצאל פאר די וואס באצאלן מיט קרעדיט קארד, טוען אין אזא פאל ארויפלייגן א געוויסע פראצענט אויף יעדן אייטעם דורך העכערן די פרייז פאר יעדן איינעם, אזוי ארום וועלן זיי נישט דערלייגן דורך דעם וואס זיי דארפן צאלן הויכע פראצענטן פאר די קרעדיט קארד קאמפאניס.

אבער היות דער ווילידזש וויל בשום אופן נישט העכערן די טעקסעס פאר די איינוואוינער אין קרית יואל, דעריבער וואלט געווען א געוואלדיגער געלט שאדן אויב וואלט מען אנגענומען קרעדיט קארדס, און דערפאר האט מען דאס נישט אנגענומען אלע יארן.

אין די לעצטערע יארן איז דורכגעפירט געווארן א נייער געזעץ דורכ'ן ניו יארק סטעיט אסעמבלי, וואס ערלויבט יא פאר מוניציפאליטעטן צו בעטן א צוגאב אפצאל פאר די וועלכע באצאלן מיט קרעדיט קארד, אבער די ווילידזש האט זיך נאך אלץ נישט געאיילט איינצושטעלן דעם קרעדיט קארד סיסטעם ווייל דאס וואלט געקאסט א היבשע מטבע פאר די קרעדיט קארד באנוצער צוליב די הויכע פראצענטן וואס ווערט פארלאנגט דורך די קרעדיט קארד פירמעס.

אין לויף פון די לעצטע יאר צייט האט זיך די ווילידזש אריינגעלייגט צו קענען זיך אנשליסן אין א סטעיט קאנטראקט אינאיינעם מיט גרעסערע מוניציפאליטעטן צו קענען באקומען א קאנטראקט פאר גאר א קליינע פראצענט אויף די קרעדיט קארד פעימענטס. אצינד האט דער ווילידזש בסייעתא דשמיא באוויזן זיך אנצושליסן צו גאר אן ערפארענע קאמפאני וואס וועט עס פראסעסן, און אין די זעלבע צייט בעטן זיי בלויז גאר א קליינע צוגאב.

אזוי ארום וועט דאס נישט אפעקטירן די אנדערע שטייער צאלער, ווי אויך וועט דאס אויסקומען די ביליגסטע און באקוועמסטע פאר די אלע וואס ווילן באצאלן זייערע בילס מיט'ן קרעדיט קארטל.

# ווילידזש וועט פארדינגען פובליק סעיפטי עקוויפמענט פאר'ן געברויך פון פריוואטע פארזאמלונגען

עס ווערט געמאלדן אז די ווילידזש וועט פון היינט און ווייטער פארדינגען אירע עקוויפמענט וואס ווערן גענוצט ביי גרעסערע פארזאמלונגען, אריינגערעכנט די פובליק סעיפטי "בעריקעידס", אדער די שטארקע "ליכט טורעמס" צו באלייכטן אין די נאכט שטונדן, אזוי אויך וועט מען פארדינגען דעם "הייב טראק" וואס הייבט זיך אויף אין דער הויך אזוי ווי די טעלעפאן און עלעקטעריק פירמעס.

די אלע אויבנדערמאנטע זאכן וועלן ארויסגעדינגען ווערן פאר פריוואטע גרעסערע און קלענערע מסיבות, און אנדערע פייערונגען ווי הכנסת ספר תורה אא"וו, אדער סיי וועלכע געלעגנהייט וואס מענטשן וועלן זיך נויטיגן אין איינע פון די חפצים.

די אלע געצייג זענען איינגעקויפט געווארן דורכ'ן ווילידזש דורכאויס די פארלאפענע יארן ווען עס האט אויסגעפעלט ביי פארשידענע געלעגנהייטן צו קענען האלטן דעם טרעפיק ארדענונג אין די שטאט ביי גרעסערע געשעענישן.

אין אנפאנג האט די ווילידזש פארמאגט בלויז א קלענערע צאל פון בעריקעידס וואס מען פלעגט נוצן געציילטע מאל א יאר א שטייגער ווי כ"ו אב ווען ס'איז אנגעקומען א גרויסע עולם אין די שטאט, שפעטער האט זיך די ווילידזש אויך איינגעהאנדלט די ליכט טורעמס וואס קענען באלייכטן גרעסערע שטרעקעס אין די טונקלקייט פון דער נאכט.

אבער אין לויף פון די לעצטערע יארן ווען די שטאט איז געוואקסן איז דער פארקער און דער טראפיק אויך מיטגעוואקסן, און דער געברויך פון די אלע עקוויפמענט זענען אויך מיטגעוואקסן, און אין די צייט וואס אמאל פלעגט מען במשך דעם יאר כמעט נישט נוצן די אלע זאכן אויסער אין פאל פון אן עמוירדזשענסי ווען מען האט אראפגעברענגט דעם עמוירדזשענסי קאמענד סענטער פאר א זוך אקציע וכדו', ווערן אבער די זאכן היינט צו טאגס פארנוצט א גאנץ יאר אויף א גרויסע פארנעם.

אין די זעלבע צייט איז אויך געוואקסן די פארלאנגען פון פריוואטע יחידים ביי פארשידענע מסיבות און פייערונגען וואס האבן געבעטן די ווילידזש עקוויפמענט ווי די בעריקעידס און לעקטער טורעמס, וואס אין אנהויב זענען די עקוויפמענט געווען געצוימט נאר צום ווילידזש באנוץ.

עס קומען אלץ אריין מער פארלאנגען פון איינוואוינער וועלכע פראווען א הכנסת ספר תורה אדער קאנטראקטארס וועלכע נויטיגן זיך אין בעריקאדן צו ארומצוימען א קאנסטראקשן זאנע און נאך. פילע מענטשן האבן זיך געוואנדן מיט א פארשלאג צום ווילידזש אז ווי איידער מען זאל דארפן באשטעלן פון אנדערע קאמפאניס זאל מען קענען דינגען די אלע עקוויפמענט פונעם ווילידזש אליינס.

זעלבסטפארשטענדליך אז עס קאסט אפ אסאך געלט פאר'ן ווילידזש דאס אויפהאלטן די אלע עקוויפמענט צו מעינטענען און צוקויפן נייע לויט'ן געברויך צוליב וואס עס צוברעכט זיך אפטער ווערנדיג פארנוצט מערערע מאל, ווי אויך זענען פאראן אנדערע הוצאות ווי צב"ש די געז פאר די ליכט טורעמס, ווי אויך דאס זיך אפגעבן מיט די אלע זאכן צו ברענגען און טראגן און זיין פארנומען דערמיט ביז עס קומט צוריק.

דעריבער האט די ווילידזש באשלאסן אז פון היינט און ווייטער וועט מען ממשיך זיין מיט דעם סערוויס צוצושטעלן די זאכן פאר פריוואטע פארזאמלונגען דורך פארדינגען די עקוויפמענט פאר א מינימאלע אפצאל, כדי עס זאל נישט פאלן צו לאסט פאר'ן ציבור שטייערצאלער ווען א יחיד אדער אן ארגאניזאציע באנוצט זיך מיט די סערוויסעס.

דער ווילידזש האט באשטימט ספעציעלע פרייזן אויף די אלע כלים וואס וועלן קענען ארויסגעדינגען ווערן אויפ'ן טאג אדער אויף די וואך, און עס איז צוגעשטעלט געווארן א קאנטראקט וואס יעדער וואס וויל ארויסדינגען די זאכן וועט דארפן אונטערשרייבן, צו נעמען אחריות אויף די געדינגענע חפצים אז דאס קומט אן צוריק צום ווילידזש.

אזוי וועט די ווילידזש קענען ווייטער צושטעלן די אלע סערוויסעס אנע דעם וואס מען זאל דארפן העכערן די טעקסעס פאר די שטייער צאלער אין קרית יואל.

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220



**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman


# פרייליכע מעלדונג!

## מיר ווילן מעלדן פאר די חשוב'ע איינוואוינער שיחי'
## אז מען קען ביי אונז אפלייען פאר

# מערידזש לייסענס

## וואס ווערט געמאכט אויפ'ן פלאץ אין ווילידזש אפיס

**מען קען אפלייען פאר מערידזש לייסענס אין די פאלגנדע זמנים:**

**מאנטאג ביז דאנערשטאג: פון 10:00 פארמיטאג ביז 4:00 נאכמיטאג**

**פרייטאג: פון 10:00 ביז 12:00 פארמיטאג**

**אכטונג!**

עס איז וויכטיג אריינצורופן אין ווילידזש אפיס פון פאראויס
צו פארזיכערן אז איר פארמאגט די נויטיגע דאקומענטן
און צו קענען מסדר זיין אלעס אויפ'ן בעסטן פארנעם

פאר מער אינפארמאציע רופט אין ווילידזש אפיס:

## 783-8300 Ext. 2

מיט דאנק

**דער ווילידזש קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט**

# צווייטע ווערסיע פון "דרעפט-רעפּאָרט" פאַר'ן וואַסער-פייפליין פולקאָם פאַרענדיגט; געשיקט פאר די סטעיט און סיטי אגענטורן

### ענדגילטיגער און פולקאמער "רעפּארט בוך" ווערט צוגעגרייט אין די איצטיגע מאנאטן

די טויזנטער קינדער-געבענטשטע משפחות שיחיו תושבי קרית יואל, און יעדער וואס קוקט ארויס אויף די ווייטערדיגע הצלחה פון די הייליגע שטאט - וועלכע באגלייטן מיט שפאנונג די פארשריט פונעם העכסט-ארויסגעקוקטן "קרית יואל וואסער-פייפליין" - נעמען אויף מיט אינטערעסע די כסדר'דיגע באריכטן איבער די אנגייענדע ארבעט להרחבת גבולי הקדושה, צוצושטעלן א יסודות'דיגן און לאנג-טערמיניגן וואסער-פלוס פאר'ן כסדר'דיגן וואוקס בליעה"ר פון עירינו המעטירה ותושבי' שיחיו.

#### די "דרעפט רעפּארטס" און די אומערמידליכע ארבעט

ווי באקאנט איז דער ווילידזש מיט גרויס סייעתא דשמיא שטארק אקטיוו אין די לאנג-פארצווייגטע ארבעט פון דעזיינען און אהערשטעלן דעם געפלאנטן סיטי-וואסער-פייפליין פראיעקט, דער פייפליין פראיעקט איז אונטערגענומען געווארן מיט'ן ציל נישט צו זיין אנגעוויזן בלויז אויף קוועלער אין די אומגעגנט וואס קען קוים יעצט נאכקומען דעם וואסער געברויך פון קרית יואל וואס האלט שוין היינט ביי אריבער אנדערטהאלבן מיליאן גאלאן וואסער יעדן איינציגן טאג. דעריבער איז די הנהלת הקריה אויפגעקומען מיט'ן פלאן זיך צו באהעפטן צום סיטי עקוואדאקט, וואס דאס וועט בעז"ה זיין א לאנג טערמיניגע לעזונג פאר'ן צוקונפט פון קרית יואל.

ווי פארשטענדליך האט זיך פארלאנגט פאר אזא מאסיווער 30 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט, אויסטערלישע אינטענסיווע פלאנירונגען און דעזייננינג אויף טריט און שריט, וואס בלויז די הכנות און צוגרייטונגען זיך צו נעמען צו אזא פארצווייגטער אונטערנעמונג קען זיך ציען גאר א לאנגע צייט.

אזוי ווי דער פראיעקט איז פארבינדן מיט גאר אסאך פעדעראלע און סטעיט אגענטורן, דעריבער האט מען צום ערשט געדארפט צושטעלן א "כלליות'דיגן איבערזיכט" אויף דעם פראיעקט, כדי צו קענען באקומען די נויטיגע פערמיטן פון די רעגירונג'ס אגענטורן, צו קענען אנהייבן מיט די ארבעט.

דאס רעכנט אריין די ניו יארק סטעיט "דעפארטמענט אוו ענווייראנמענטאל קאנסערוועישאן" (די-אי-סי), די נ.י. סטעיט "ענווייראנמענטאל פעסיליטיס קארפארעישאן" (אי-עף-סי), די "דעפארטמענט אוו טראנספארטעישאן"

(פארזעצונג אויף זייט 29)

אפדעיט-באריכט:

# בוי-ארבעט ביים "קינדער-פּאַרק" אין פולן שוואונג

### ווערט פארגעזעצט בעז"ה דורכאויס די זומער חדשים

מיט אינטערעסע ווערט אויפגענומען ביי תושבי העיר - וועלכע באגלייטן און פאלגן נאך די בוי-ארבעט ביים לאנג-ערווארטעטן "קרית יואל קינדער פּאַרק" אויף לארקין דרייוו - אז די ארבעט מאכט פארשריט אין א מזל'דיגע שעה, און איז אין פולן שוואונג צו יעדנ'ס צופרידנהייט.

אין לויף פון די יארן האבן שוין די געטרייע חברי ההנהלה אינעם ווילידזש געהאט פארשידענע פלענער, און אינטענסיווע ארבעט איז אריינגעלייגט געווארן אויפצושטעלן אזא פארק פאר דעם געברויך פון קרית יואל, אבער צוליב פארשידענע שטרויכלונגען ביי יעדן פלאן באזונדער איז עס ביז פארגאנגענעם יאר - זומער תש"ע - נאכנישט באשערט געווען צו קומען מן הכח אל הפועל.

דער נחיצות און געברויך פון אזא "קינדער פּאַרק" פאר קרית יואל איז שוין צום דערקענען א לענגערע צייט. ספעציעל שפירט זיך דער געברויך אין די איצטיגע זומער וואכן ווען עלטערן זוכן א פלאץ וואו די קינדער זאלן קענען אביסל שפילן און פארברענגען אין די פרייע צייט, ווער רעדט נאך אין די חול המועד טעג ווען עלטערן ווילן ארויסגיין פארברענגען במנוחה מיט די קינדער אין א ריינע און ערליכע אטמאספערע.

טאקע דערפאר איז געווען צום דערקענען דער פריידיגער שטימונג וואס האט ארומגענומען דעם ציבור דעם פארגאנגענעם זומער, ווען עס איז באריכטעט געווארן מיט פרייד אין "הקריה" אז אט אט וועט פארווירקליכט ווערן דער לאנג-ערווארטעטער וואונטש, און מען ארבעט שוין גאר טעטיג אויף די פלענער אויפצושטעלן בעז"ה א ריזן שפיל-פלאץ, וואס וועט זיין צוגעשטעלט מיט אלע באקוועמליכקייטן על טהרת הקודש, ספעציעל פאר די איינוואוינער פון קרית יואל.

דער פארק וועט אויפגעשטעלט ווערן אויף די ריזיגע שטחים וואס קרית יואל ווילידזש פארמאגט מחוץ לעיר אויף לארקין דרייוו, און וועט זיין אפגעזונדערט פון די גוי'אישע גאס, געאייגנט בלויז פאר תושבי קרית יואל, ערוואקסענע און קינדער, וואס וועלן אי"ה קענען דארט פארברענגען און זיך אנשעפן מיט פרישע כוחות, מיט באזונדערע אפטיילונגען פאר מענער און פרויען.

#### די לעגאלע און ביוראקראטישע פראצעדורן

מיט א צייט צוריק האבן מיר געמאלדן אין "הקריה" איבער די אינטענסיווע ארבעט וואס איז אריינגעלייגט געווארן דורכאויס די ווינטער חדשים, אויסארבעטנדיג אלע פלענער; אדורכקומענדיג אלע לעגאלע רעגולאציעס און ביוראקראטישע פראצעדורן וואס פאדערן זיך נאכצוקומען בשעת'ן אוועקשטעלן אזא ריזן פראיעקט.

אזוי ווי די ארבעט אהערצושטעלן דעם פארק פארמאגט אין זיך עטליכע חלקים, ווי צב"ש דאס צוגרייטן און אויסגראדן דעם באדן, צושטעלן פארקינג פלאץ פאר 100 קארס, צושטעלן די אינפראסטראקטשור פון די וואסער, סועד און דרעינידזש, אויפבויען די נויטיגע געביידעס פאר ביה"כ און מענעדזשמענט אין דעם פארק, אהערשטעלן דעם ראוד וואס פירט אריין צום פארק, אויפבויען די שפילצייג ווי סווינגס, גליטשערס אא"וו, דעריבער איז די ארבעט צעטיילט געווארן אין עטליכע טיילן.

אלס דער ערשטער שריט זענען אפגעשניטן געווארן די הונדערטער גרויסעביימער, צו קענען צוגרייטן א פרייען פעלד פון כמעט 10 אקער לאנד פאר דעם פארק.

נעמענדיג אין באטראכט אז די היינטיגע ענווייראנמענטאלע געזעצן זענען זייער שטרענג און שווער, א שטייגער ווי די רעגולאציעס פון די

(פארזעצונג אויף זייט 31)

# ביד דורכגעפירט פאר פראיעקט צוצושטעלן וואסער פילטער און ראוד צו וואסער קוועלער אויף לארקין דר.

### א ספּעציעלער ביד איז דורכגעפירט געווארן אין די פארגאנגענע וואכן אויף צוויי פראיעקטן וואס וועלן ווערן אויפגעבויעט אויף לארקין דרייוו.

עס וועט אויפגעבויט ווערן א ספעציעלער 'וואסער פילטער' וואס פעלט זיך אויס אין דער צוקונפט ביי די וואסער קוועלער אויף לארקין דרייוו לתועלת תושבי העיר שיחיו. אין די זעלבע צייט וועט אויך געבויט ווערן א ראוד צו קענען צוקומען צו די וואסער קוועלער וואס האט די מעגליכקייט ארויסצוגעבן אזויפיל ווי ארום א דריי פערטל מיליאן גאלאן וואסער טעגליך.

כדי צו פארזיכערן אז די הוצאות דערפון זאלן נישט פאלן צולאסט אויפ'ן היימישן ציבור, קרית יואל'ער שטייער-צאלער, האבן די חברי הנהלת הווילידזש אומערמידליך געארבעט ביז זיי האבן באוויזן צו שאפן א 'גרענט' פון $600,000 פונעם ספעציעלן "קאמיוניטי רענועל" אפטיילונג אינעם גאווערנאר'ס אפיס.

דעם פארלאפענעם דאנערשטאג פר' קרח -למס' Jun 23 11:00 אינדערפרי, זענען אכט באזונדערע בוי-פירמעס ערשינען אינעם ווילידזש קאנפערענץ זאל, וואו מען איז זיך צוזאמגעקומען צו א 'בידינג פראצעדור', בנוגע דעם ראוד און וואסער פילטער אונטערנעמונג.

3 פירמעס האבן זיך פארמאסטן אויפ'ן פילטער פראיעקט, און 5 פירמעס אויפ'ן ראוד. ביי די ענדע זענען אויסגעקליבן געווארן 2 באזונדערע פירמעס וועלכע וועלן זיך דערמיט באפאסן און זיך נעמען צו דער ארבעט, איין פירמע מיט דעם וואסער פילטער און די צווייטע פירמע מיט דעם ראוד.

אין די איצטיגע טעג טוען די פירמעס זיך אוועקזעצן מיט די עקספערטן און אינזשענירן; די אויפגאבעס ווערן צוגעטיילט; די פונקטליכע דעטאלן ווערן אויסגעארבעט; דערנאך וועלן די קאנטראקטן ווערן אונטערגעשריבן; - פארשטייט זיך נאר נאכ'ן אריינגעבן די דעטאלירטע פלענער פאר אלע אגענטורן וואס זענען ממונה אויף נאכצוקוקן אלע טעכנישע פראצעדורן - און די ארבעט ווערט בעז"ה פארגעזעצט ווייטער מיט'ן פולן טעמפא.

דער נייער ראוד וועט אויך גענוצט ווערן אנצוקומען צום נייעם "קינדער פארק" וואס ווערט אין די טעג געבויעט אויף די דערנעבנדיגע פראפערטי אויף לארקין דרייוו.



דא ווערט געזען דער עפענונג צום צוקונפטיגן ראוד וואס וועט אריינפירן צו די וואסער קוועלער און צום קינדער פארק אויף לארקין דרייוו

# ריכטער באשטימט דאטום פאר די קאונטי צו פארטיידיגן קלאגע פון וואודבארי איבער דעם סוער אפמאך מיט קרית יואל

ווידעראמאל האבן די אנטי וואוקס אקטיוויסטן באוויזן ארייִנצושטעקן א פוס צו פרובירן אפשטעלן דעם וואוקס אין די געגנט, ווען א ריכטער האט אין די פארגאנגענע וואכן באשלאסן יא אויסצוהערן א קלאגע מצד וואודבארי קעגן דעם "סוער אפמאך" וואס די קאונטי האט געשלאסן מיט קרית יואל אום ווינטער תש"ע.

ווי באקאנט האבן געוויסע אקטיוויסטן פון וואודבארי און הערימען אונטערגענומען א קאמף מיט 7 יאר צוריק מיט'ן ציל צו באקעמפן דאס אויסברייטערונג פון קרית יואל דורך אלע אופנים, ובעיקר דורכ'ן פרובירן צוריקצוהאלטן די לעבנסוויכטיגע זאכן אין וואס קרית יואל איז אנגעוויזן זיך צו קענען פארברייטערן, וואסער און סוער.

וואסער אין סוער זענען אלעמאל געווען די וויכטיגסטע זאכן פאר קרית יואל, ווייל אפי' נאכדעם וואס מען האט שוין פארמאגט אן אייגענעם ווילידזש מיט אייגענע זאונינג געזעצן צו קענען בויען מער דירות, איז מען אבער נאכאלץ אנגעוויזן אויף וואסער און סוער וואס אן דעם קען מען ווי פארשטענדליך נישט בויען קיין דירות.

דורכאויס די פארלאפענע יארן איז פארגעקומען א לאנג פארצויגענער קאמף איבער דעם קריטיש וויכטיגן וואסער פייפליין, אבער אין די ענדע האט קרית יואל פרידליך געשליכטעט דעם סכסוך מיט די קאונטי, אויף ביידע פראנטן, סיי אויף די רעכטן צו בויען דעם וואסער פייפליין, און סיי אויף די צוקונפטיגע סוער פראגע, און דאס האט געעפנט דעם וועג אז מען זאל קענען אנהייבן זיך צו רוקן ווייטער און ארבעטן אויפ'ן פייפליין.

די אקטיוויסטן אין וואודבארי האבן נאך פרובירט צו אפעלירן און פריש עפענען די אלטע קלאגעס קעגן דעם פייפליין, אבער דער געריכט האט דאס אנידערגעשטימט און דערמיט ארויפגעלייגט א שלאס אויף דעם פייפליין אישו, געבנדיג פאר קרית יואל די מעגליכקייט צו בויען דעם פייפליין.

אבער אין די זעלבע צייט האבן די אנקלעגער געארבעט פונעם אנדערן פראנט אויך, ארייִנגעבנדיג א קלאגע אין געריכט קעגן דעם סוער אפמאך וואס די קאונטי האט געשלאסן מיט קרית יואל.

צו פארשטיין דעם באזונדערן חלק פונעם "סוער סכסוך" וואס איז א ברייטפארצווייגטע סכסוך און איז שוין עטליכע מאל אויסגעשמועסט געווארן אין הקריה, וועלן מיר עס נאכאמאל דערמאנען אין קורצן אויפ'ן שפיץ גאפל.

### דער סוער סכסוך מיט די קאונטי

מיט ארום 4 יאר צוריק, האט קרית יואל געצווינגענערהייט ארייִנגעטראגן א לאו-סוט קעגן די קאונטי אין געריכט, אז די קאונטי זאל נישט קענען פארקויפן קיין סוער פערמיטן פאר פרעמדע מוניציפאליטעטן, איידער זיי פארזיכערן אז עס איז דא גענוג סוער פאר די מוניציפאליטעטן וואס געפינען זיך אין דעם קאונטי'ס סוער דיסטריקט, ארייִנגערעכנט קרית יואל וועלכע צאלן א ספעציעלן סוער טעקס פאר די קאונטי און די קאונטי איז פאר זיי פארפליכטעט געזעצליך צוצושטעלן סוער רעכטן.

ווי באקאנט, איז קרית יואל אייִנגעשלאסן אין דעם קאונטי סוער דיסטריקט, (באקאנט אלס סוער דיסטריקט #1) וועלכע נעמט ארייִן די ווילידזש אוו קרית יואל, ווילידזש אוו הערימען, ווילידזש אוו מאנראו, און אויך א חלק פון טאון אוו מאנראו, און לויט'ן געזעץ "מוז" די קאונטי צושטעלן סוער פאר אלע לאנד אייגענטומער וואס ווילן דעוועלאופען זייער פראפערטי אינערהאלב דעם סוער דיסטריקט, וואס נעמט ארייִן קרית יואל.

טראץ וואס די קאונטי איז פארפליכטעט צוצושטעלן סוער נאר פאר די פראפערטי אייגענטומער אין דעם "סוער דיסטריקט #1" וועלכע

(פארזעצונג אויף זייט 27)

# ענדגילטיגע פראַפערטי שאצונגען פון יאר 2011 למספ' ארויסגעגעבן דורכ'ן "מאנרא טאון אַסעסאָר"

Stephen P. Ruelke, IAO
Assessor

15 Lake Street
Monroe, NY 10950

ph: 845-782-4459
email: monroeassessor@optimum.net

fax: 845-782-4009
www.monroeny.org

אין די פארגאנגענע טעג האט דער מאנראו טאון אַסעסאָר ארויסגעגעבן די ענדגילטיגע שטייער שאצונגען פאר'ן יאר 2011 למספרם, נאכדעם וואס אלע קאנדאמיניום'ס אין די געגנט זענען פריש איבערגעשאצט געווארן אין דעם פארלאפענעם יאר.

ווי באקאנט, האט די טאון אוו מאנראו פארגאנגענעם יאר אויפגענומען א נייעם "טאון אַסעסאָר", מיט'ן ציל דורכצופירן אן "אויפשאקלונג" איבערצושאצן נאכאמאל אלע קאנדאמיניום'ס אפארטמענט'ס און הייזער פונעם גאנצן טאון.

ווען דער טאון אַסעסאָר האט צום ערשטן מאל געמאלדן איבער די נייע 2011 שאצונגען מיט א צוויי חדשים צוריק, האבן טייל דירות באקומען א נידריגערע שטייער-שאצונג, און טייל האבן באקומען א העכערע שטייער-שאצונג.

אזוי ווי טייל אייִנוואוינער האבן געהאט פארשידענע פראגעס און אומפארשטענדליכקייטן, ווי אויך איז מעגליך געווען פארשידענע טעותים ביים אפשאצן אזויפיל הייזער אין אזא קורצע צייט, דערפאר האט די ווילידזש קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט געפאדערט פון די טאון אראפצוברענגען דעם טאון אַסעסאָר און זיין שטאב קיין קרית יואל, כדי די אייִנוואוינער זאלן קענען אויסשמועסן און זיך אויסגלייכן מיט די טאון.

מאנטאג פ' בחקותי איז דער "מאנראו טאון אַסעסאָר" אראפגעקומען קיין קרית יואל אין זאל פון שאפינג סענטער, וואו עס איז געגעבן געווארן א געלעגנהייט פאר אלע אייִנוואוינער וואס האבן געהאט סיי וועלכע באמערקונג אדער טענה, זיך דורכצושמועסן מיט זיי און אויסגלייכן די דיפרענצן.

די באאמטע האבן מיט גרויס אויפמערקזאמקייט אויסגעהערט יעדן'ס טענה און קאמפלעינט. אין טייל פעלער האט דער טאון אַסעסאָר אויפ'ן פלאץ אייִנגעזען אז ס'איז געמאכט געווארן א טעות, און ער האט זיך נישט געשעמט מודה צו זיין דערין און אויפגעשריבן אין זיינע ביכער דאס צו פאררעכטן.

אין אנדערע פעלער וואו דער הויז אייגענטומער איז נישט געווען גערעכט, האבן די טאון באאמטע דאס מסביר געווען בטוב טעם ודעת, און ס'איז געווען א פארגעניגען צוצוקוקן ווי אלע פארהאנדלונגען אהין און צוריק זענען געגאנגען אויף א מענטשליכן וועג, סיי מצד די הויז אייגענטומער וואס האט ארויסגערופן א שטארקע קידוש ה', און סיי מצד די טאון באאמטע וואס האט ארויסגערופן רעספעקט ביי די אייִנוואוינער.

אלעס אינאיינעם זענען געקומען פילע הויז אייגענטומער, וואס ביי א גרויס חלק פון זיי האט מען געשליכטעט די טענות אויפ'ן פלאץ. אנדערע זענען במשך די נאכפאלגנדע טעג פערזענליך אראפגעפארן צום טאון אפיס און ארייִנגעגעבן זייערע קאמפליענטס שריפטליך.

אצינד האט דער טאון אַסעסאָר געמאלדן אז נאכ'ן איבערגיין נאכאמאל און פאררעכטן אלע שאצונגען זענען ענדגילטיג באשטעטיגט געווארן די היי-יעריגע שאצונגען אויף דעם קומענדיגן טעקס סעזאן.

פון די אלע געגנטער וואו מען האט דורכגעפירט די איבערשאצונגען, ד.ה. טאון אוו מאנרא, ווילידזש אוו מאנרא, ווילידזש אוו הערימען, און ווילידזש אוו קרית יואל, זענען דאס יאר רעקארדירט געווארן 2,372 טוישונגען - פון די 2010 אסעסמענט ראול - אין פראַפערטיס פון מענטשן וואס זענען די היים אייגענטומער דערפון, און נאך 900 טוישונגען ביי פראַפערטיס וואס געהערן צו אינוועסטארס. צווישן 80 און 85 פראצענט פון די סך הכל טוישונגען זענען דורכגעפירט געווארן אין ווילידזש אוו קרית יואל.

1 Julאיז דער טאג ווען ער דארף איינמעלדן פאר די פראפערטי-אייגנטומער - וואס האבן געהאט א טשעינדזש אינעם אסעסמענט - דעם ענדגילטיגן שאצונג פון דעם יערליכן טעקס סעזאן, ווי עס שטעלט זיך ארויס האט דער אַסעסאָר נאכ'ן הערן די טענות פון די אייִנוואוינער פריש איבערגעשאצט אלע קאַנדאָמיניומס אינאיינעם און לויט דעם האט ער באשטימט א אייניגע שאצונג אויף די ווערד פון א קאַנדאָמיניום דירה פער סקווער פוס, לויט די קוואליטי, קאנדישאן און באנוץ, און לויט דעם האט ער באשטימט די שאצונגען.

לויט ווי עס ווערט איבערגעגעבן פון דעם טאון אַסעסאָרס אפיס זענען די שאצונגען נאך נישט פארטיג, און עס וועט נאך נעמען ארום צוויי

(פארזעצונג אויף זייט 20)

**געלעגנהייט פאר הויז-אייגנטומער:**

# ענגע-צאל הויז-אייגנטומער קענען געניסן פון ספעציעלער הילפס-פראגראם; ביז צו א מאקסימום פון $50,000 פער פאמיליע

**הילף-פארשלאג פאר "הויז-אייגנטומער" וועלכע זענען אונטערשטעליג מיט'ן צאלן די מארטגעדזש-קאסטן**

עס ווערט אויפגענומען מיט א שטארקע אינטערעסע דער מעלדונג אז די רעגירונגס "האד - האוזינג אגענטור" האט באשטעטיגט צו ערמעגליכן א געוואונטשענער פראגראם וועלכע וועט בענעפיטירן פאר אן ענגע-צאל הויז-אייגנטומער תושבי העיר, און קען בייהילפיג זיין ביז צו א מאקסימום פון פופציג טויזנט דאללער.

כדי צו זיין בארעכטיגט צו געניסן פון דעם פראגראם, פאדערט זיך פארשידענע פארשריפטן, צווישען אנדערע פארלאנגט זיך אז:

- דער הויז-אייגענטומער זאל האבן פארדינט אין יאר 09' למספרם וויניגער ווי 100,100 (הונדערט טויזנט און הונדערט דאללער).

- זיין איצטיגער איינקונפט (אינקאם) זאל זיין מיט 15% פראצענט וויניגער, אדער גענצליך ארבייטסלאז.

- ער זאל שוין זיין הונטערשטעליג מיט די מארטגעדזש-צאלונגען מיט ניינציג טעג - צוליב'ן עקאנאמישן צוזאמבראך אדער געזונטהייטס פראבלעמען ל"ע.

- דער מארטגעדזש-פראפערטי פון וואס מ'רעדט, דארף זיין דער הויז וואו ער וואוינט.

- טאר נישט זיין איצט אין באנקראט.

אויב שטימט אייער פינאנציעלער צושטאנד מיט די אויבנדערמאנטע פונקטן, דאן קענט איר זיין בארעכטיגט צו דעם פראגראם. איר קענט אפנעמען דעם ספעציעלן "פרי-אפליקאנט סקרינינג" אפליקאציע אינעם "האוזינג אפיס" און עס אריינפעקסן צו 845-485-1957.

דער דעדליין ארייִנצושיקן דער אפליקאציע איז ביז July 22 למספרם.

זייט וויסן! די אפליקאציע איז בלויז א כלליות'דיגע "פרי-סקרינינג", און איר וועט ארויפגיין אויף א ליסטע. אויב ווערט אייער נאמען עווענטועל אויסגעקליבן אלס איינע פון די פילצאליגע פאסיגע קאנדידאטן, וועט די אגענטור פארלאנגען אז איר זאלט ארייִנשיקן מער דעטאלירטע אינפארמאציע איבער אייער פינאנציעלער מצב; טעקס רעטוירנס; א.א.וו.

פאר מער אינפארמאציע איבער דעם פראגראם קענט איר אייך פארבינדן אינעם "האוזינג אפיס" אויף:

845-782-7790 #254 וואו מען וועט אייך פרובירן ארויסצוהעלפן מיט אלע מעגליכקייטן.

# פעדעראַלע אוידיטאָרס באגייסטערט נאך גרונטליכן איבערזיכט אויפ'ן "פּאַספּאָרט אפיס" פון ווילידזש קאמיוניטי סערוויס דעפּאַרטמענט

אין די פארגאנגענע וואָכן האבן פעדעראלע אוידיטארס דורכגעפירט א גרונטליכן אינספעקשאן אויף דעם "פּאַספּאָרט אפטיילונג" פונעם ווילידזש, און זיי זענען ארויס גאר שטארק צופרידן.

די אוידיטארס זענען געזיצן עטליכע שעה נאָכאַנאַנד אין דעם אפיס פונעם ווילידזש קאמיוניטי סערוויס, וואו זיי האבן אויסגעפרעגט די שטאב מיטגלידער איבער אלע פּאַספּאָרט רעגולאציעס און איבערגעקוקט יעדנ'ס טרעינינג פּאַפּירן, און דורכגעקוקט דעם גאנצן סיסטעם פון דעם פּאַספּאָרט אפיס.

זיי זענען דורכגעגאנגען יעדן דעטאַל פון דעם פּאַספּאָרט אַפּליקאַציע פּראצעדור, וויאזוי די פּאַפּירן און דאקומענטן ווערן באהאנדלט, אפגעהיטן און ארייגעשיקט צו זייערע דעסטינאציעס.

אויך האבן זיי איבערגעקוקט דעם וועג וויאזוי מען נעמט די בילדער, און וויאזוי מען באקוקט און באשטעטיגט בילדער וואס מענטשן ברענגען אריין פון אינדרויסן צו עס איז ריכטיג, ווי אויך דעם פראצעדור פון נעמען אינפארמאציע און אידענטיטעט פון מענטשן, און ווען עס פעלט זיך אויס צוצולייגן נאך אן איי-די אדער מיטצוברענגען אן עדות, און אזוי ווייטער.

עס איז געווען אן השגחה פרטית אז אין די זעלבע צייט וואס די אוידיטארס זענען ארויפגעקומען אין ווילידזש אפיס זענען פונקט אנגעקומען צוויי לאקאלע גוים וואס האבן געוואלט אפלייען פאר א פּאַספּאָרט, אזוי ארום האבן די אוידיטארס געקענט מיטהאלטן וויאזוי מען באגייט זיך מיט די אפליקאנטן און וויאזוי מען שטעלט זיי פאר אלע אפציעס פון אלע סארטן פּאַספּאָרטס. זיי האבן געקענט מיטהאלטן פונקטליך דעם פראצעדור צוליב וואס דאס איז געפירט געווארן אויף די ענגלישע שפראך מיט די צוויי גוים, און דער קידוש שם שמים איז געווען געוואלדיג.

די אוידיטארס וועלכע זענען געזיצן אין אפיס עטליכע שעה נאכאנאנד דורכנישטערנדיג אלע דאקומענטן און פּאַפּירן, זענען געווען שטארק באגייסטערט פון דעם מייסטערהאפטן פונקטליכקייט מיט וואס אלעס ווערט דורכגעפירט דורך די געלונגענע שטאב פונעם ווילידזש קאמיוניטי סערוויס דעפארטמעט, און זיי האבן געשאנקען דערפאר א "הונדערט אויסצייכענונג" אויף די גוטע ארבעט.

לויט ווי די



אוידיטארס האבן געזאגט זענען פאראן אנדערע פלעצער וואו זיי דארפן צוריקקומען יעדע עטליכע חדשים צוליב וואס זיי טוען א שוואכערע ארבעט, אבער וויבאלד דא זענען זיי געווען העכסט צופרידן, דעריבער וועלן זיי צוריקקומען נאכאמאל ערשט אין צוויי יאר ארום לויט די פעדעראלע רעגולאציעס.

תושבי קרית יואל זענען שוין נהנה איבער א יאר צייט פון דעם "פּאַספּאָרט סערוויס" וואס איז היינט צו טאגס זייער וויכטיג פאר יעדן איינוואוינער, צוליב דעם וואס א פּאַספּאָרט טוט נישט בלויז דינען צו קענען רייזן קיין אויסלאנד, נאר עס דינט פאקטיש אלס דער שטערקסטער אידענטיפיקאציע פאר יעדן בירגער, און איז א שליסל צו פארשידענע פעדעראלע בענעפיטן.

לויט'ן געזעץ מוז יעדער בירגער פארמאגן א רעגירונגס באשטעטיגטע פאָטאָ איי די, וואס דאס קען אויך זיין אין פארמאט פון א נאן-דרייווערס לייסענס אדער א פּאַספּאָרט קארטל. אסאך קינדער האבן פראבלעמען העכער די 18 יאר, אויב די עלטערן האבן נישט געמאכט פאר די קינדער קיין אידענטיפיקאציע קארטל איידער די 18 יאר, וואס ווען מען פארמאגט אן אידענטיפיקאציע קארטל קען מען פארשפארן אסאך פראבלעמען בעתיד.

דער פּאַספּאָרט אפטיילונג אין ווילידזש אפיס דינט פולקאם אלע פונקציעס פון יעדן פּאַספּאָרט אפיס וואו מען קען מאכן סיי די געווענליכע פּאַספּאָרט ביכלעך צו פארן קיין אויסלאנד, ווי אויך די פּאַספּאָרט קארטלעך וואס קאסט פיל ביליגער און קען גענוצט ווערן צו פארן קיין קאנאדע. די אלע פּאַספּאָרטס ווערן צוגעשטעלט סיי אויף דעם געווענליכן פראצעדור וואס דויערט צווישן 4 ביז 6 וואָכן, און סיי די עקספּעדייטעד (פארשנעלערטע) פּאַספּאָרטס, וואס האט א באזונדערע אפצאל.

די קאמיוניטי סערוויס שטאב גייען כסדר אדורך פארשידענע טרענירונגען וואס די רעגירונג פארלאנגט אז מען זאל קענען אנפירן מיט אזא אפאראט. די ארבייטער אין דעם ווילידזש קאמיוניטי סערוויס אפיס שטייען גרייט צו באדינען אלע איינוואוינער מיט אלע ערליי פּאַספּאָרט געברויכן, ווי אויך פאר אלע פראגן איבער די פארשידענע רעגולאציעס און גזעצע.

איש את רעהו יעזורו.

## איידער איר פּאַרקט אייער קאר...

נעמט אין באטראכט!

### הענדיקעפּד פּאַרקינג

דער געזעץ טוט פארבאטן פון אלגעמיינע קארס צו פּאַרקן ביי די ספעציעלע "הענדיקעפּד פּאַרקינג". די הענדיקעפּד פּאַרקינג איז ספעציעל רעזערווירט פאר מענטשן מיט דיסעבילעטיס צו פארגרינגערן זייערע אומשטענדן, און דאס קען באנוצט ווערן בלויז מיט אן אויטאראזירטן קארטל.





פּאַרקן ביי הענדיקעפּד פּאַרקינג ערטער איז א פארלעצונג פונעם געזעץ און מען קען אויסשטיין א געלט שטראף דערפאר, און עס איז זייער לייכט אויפצוכאפן די קארן וואס זענען נישט באשטעטיגט דערפאר.

לעצטנס זענען צוויי גוים אריינגעקומען צום ווילידזש אפיס מיט קאמפלעינטס איבער מענטשן וואס פּאַרקן אומלעגאל ביי הענדיקעפּד פּאַרקינג פלעצער. דארף מען וויסן אז דאס איז גורם א חילול ה', אין צוגאב צו די אומ'יושר'דיגקייט דערפון, מעגליכע טיקעטס און אידיש געלט שאדן, דעריבער דארף מען אכטונג געבן נישט צו פּאַרקן דארט וואו מען זעט די בלויע צייכענעס מיט דעם ספעציעלן סימבאל פאר הענדיקעפּד פּאַרקינג. געדענקט! דינא דמלכותא דינא!

### פּאַרקן ביי א "פּאָמפּ"

מען דארף זיין געווארנט אז מען זאל קיינמאל נישט פּאַרקן ביי די פּאָמפּס, אפילו ווען די גאס איז אנגעפילט מיט קארס. מענטשן טוען דאס פארנאכלעסיגן צוליב וואס מען באקומט נישט אזוי אפט קיין טיקעטס, אבער מען קען קיינמאל נישט וויסן ווען עס מאכט זיך א שריפה ח"ו, וואס דאס בלאקירן א פּאָמפּ קען זיך ממש גרעניצן מיט סכנת נפשות און איבוד ממון ישראל.

לויט'ן געזעץ דארפן די פייער לעשער אין אזא פאל אויסברעכן די פענסטער פון די קאר און אזוי דורכציען די וואסער פייפס כדי צו פארשנעלערן זייער ארבעט, און דער שאדן דערפון פאלט אויפ'ן קאר אייגענטומער.

מיט א צייט צוריק איז די מצילי אש ארויסגערופן געווארן צו א פייער ל"ע, און זייער ארבעט איז געשטערט געווארן, ווען יענע נאכט איז אין יענעם געגנט געווען א טיי אוונט, און עס געווען געפּאַרקט קארס פון ארום און ארום, און עמיצער האט געפּאַרקט זיין קאר ביי דעם פּאָמפּ. (צו-מזל האט דער באטרעפענדער געלאזט די שליסלעך אין קאר, און מען האט געקענט רוקן דעם קאר פון ארט אנדעם וואס עס זאל דארפן געשעדיגט ווערן).





# רויט-לייט שעה'ן אויף פארעסט ראוד געטוישט אויפ'ן פארלאנג פון משכימי קום

די ווילידזש האט פארלענגערט די צייט וואס די רויט לייטס אויף פארעסט ראוד זענען נישט אקטיוו אין די פארטאגס שעה'ן, נאר ווען אנשטאט דעם בלינקען און דינען ווי א בלויזער סטאפ סיין.

ווען דער ווילידזש האט אינסטאלירט די לעבנסוויכטיגע טרעפיק לייטס אויף פארעסט ראוד צוליב דעם רוישיגן טרעפיק אויף דעם גאס, האט מען דעמאלטס איינגעשטעלט דעם סדר אז די די רויט לייטס זענען אקטיוו נאר דורכאויס דעם טאג ווען עס איז דא א גרעסערע פארקער פון אויטאס, אבער אין די נאכט שעה'ן טוען די לייטס נאר בלינקען, וואס דאס איז געזעצליך נאר ווי א סטאפ סיין אז מען דארף זיך אפשטעלן און מען קען גלייך פארן ווייטער.

דאס בלינקען פלעגט אנהאלטן פון 12 אזייגער ביינאכט ביז 5 אזייגער פארטאגס ווען עס איז צוריקגעשטעלט געווארן צום געהעריגן סדר אז די קארס דארפן ווארטן א האלבע מינוט ביז עס ווערט גרין.

די סיבה פון אויסשאלטערן די געהעריגע רויט לייטס אין די נאכט שעה'ן איז כדי נישט אויפצוהאלטן די דרייווערס סתם אזוי אין די צייט וואס עס איז נישטא קיין גרויסער פארקער פון פיסגייער.

לעצטנס זענען עטליכע איינוואוינער געקומען מיט א בקשה אז היות זיי קומען יעדן אינדערפרי אין ביהמ"ד צווישן 5:00 און 5:30 וואס דאן איז דער פארקער אין די גאסן נאכנישט אזוי גרויס, אבער וויבאלד זיי יאגן זיך צום לערנען טוט פאר זיי אויסמאכן יעדע מינוט, דעריבער זאל מען פארלענגערן די צייט וואס די רויט לייטס בלינקען מיט א האלבע שעה, צו געווינען נאך אפאר מינוט צום לערנען.

ווי באקאנט איז קרית יואל א מיוחדת במינה אין דעם ענין פון אויפשטיין פארטאגס, און שוין אין די פריע פארטאגס שעה'ן ווירבלט דער היכל ראזענבערג אין ביהמ"ד הגדול מיט די פילצאליגע לומדים וואס יעדע מינוט תורה איז פאר זיי חשוב און טייער.

דער פארשלאג איז טאקע אויפגעברענגט געווארן ביי א מיטינג פונעם ווילידזש באארד, וואו עס איז גלייך באשטימט געווארן צו פארלענגערן די בלינקינג לייטס מיט א האלבע שעה לתועלת הלומדים.

# רענאוואציע-איבערזיכט

## אויף די אנגייענדע בוי-אקטיוויטעטן און רענאוואציע-ארבעט ביים
## "קרית יואל ראוד\סיידוואלק אימפראוומענט - פאזע 7"

**אויף די גאסן פון: רימנוב; סטראפקוב; פילמאר; טעילאר; אוהעל; מרדכי שעהר; שאפינג סענטער**

### פארווארט:

תושבי קרית יואל טוען מיטהאלטן מיט צופרידנהייט די בוי-פארשריט און אנגייענדע רענאוואציע ארבעט וואס איז אונטערגענומען געווארן אויסצובררייטערן און גענצליך רענאווירן פילצאליגע קרית יואל'ער גאסן - אן אונטערנעמונג וואס דער געברויך דערפון איז שוין געווען צום דערקענען א שטיק צייט.

דער געוואונטשענער און גרויסארטיגער פראיעקט - וועלכע האלט אצינד ביי "פאזע נומער 7" - איז א טייל פונעם "קרית יואל סיידוואלק אימפראוומענט" פראיעקט, וועלכע איז אונטערגענומען געווארן צו פארברייטערן און גענצליך איבערבויען און רענאווירן פילצאליגע גאסן אין די שטאט, און די בוי-ארבעט ווערט טאקע אדורכגעפירט מיט א שנעלן טעמפאו. פונקטליך, דויערהאפטיג, און פראפעסיאנאל.

די פלייסיגע ארבעט פון די יעצטיגע פאזע ווערט אונטערגענומען דורך א שטאב פון אזויפיל ווי 30 מיטגלידער פון די בארימטע "סאליוואן קאונטי פעיווינג" פירמע, וועלכע האט געווינען דעם 'ביד' און איז אויסגעקליבן געווארן פון צווישן 12 אנדערע פירמעס, דורכצופירן די ארבעט.

כדי צו פארזיכערן אז די ארבעט ווערט אויסגעפירט די שנעלסטע וואס מעגליך, נישט צו באלעסטיגן די איינוואוינער אויף די גאסן, האט די פירמע צעטיילט אירע ארבייטערס אין מערערע גרופעס. בו בזמן וואס איין גרופע איז פארנומען מיט'ן רענאווירן איין גאס, איז א צווייטע גרופע באשעפטיגט מיט'ן פארברייטערן אן אנדערע גאס.

אט דער שריט וועט בעז"ה ערמעגליכן אז די גאנצע רענאוואציע-ארבעט פון די אלע גאסן וועלן האפנטליך קענען פארפולקאמט ווערן אזוי פרי ווי ענדע זומער.

מטעם דער ווילידזש "קאסטומער סערוויס" אפטיילונג ווערט איבערגעגעבן, אז עס הערשט א צופרידנהייט ביים ברייטן ציבור תושבי העיר, איבערהויפט די איינוואוינער פון די גאסן וועלכע ווערן אצינד רענאווירט, מיטהאלטנדיג די פלייסיגע און פראפעסיאנאלע רענאוואציע-ארבעט, און וויאזוי די לאנגיעריגע ערפארענע ארבייטער ערפילן זייער ארבעט מיט אפונקטליכקייט.

דער פאלגענדער "רענאוואציע איבערזיכט" איז געצילט צו האלטן דעם ציבור אינפארמירט איבער די אנגייענדע בוי-אקטיוויטעטן אויף די גאסן פון: רימנוב; סטראפקוב; פילמאר; טעילאר; אוהעל; מרדכי שעהר; ביים שאפינג סענטער; א.א.וו. און איבער די צוקונפטיגע פלענער בעז"ה.

מיר האבן זיך פארבינדן מיט'ן געטרייען "ווילידזש קאנסטראקשן אינספעקטאר" מוה"ר ליפא קליין הי"ו, וועלכער האט אונז מיטגעטיילט די נויטיגע אינפארמאציע איבער די אנגייענדע ארבעט, פון וואס מיר האבן צוזאמגעשטעלט דעם פאלגענדן רענאוואציע איבערזיכט פאר די חשוב'ע הקריה ליינער שיחיו.

ליינט און האט הנאה:

# רימנוב ראוד

די פילצאליגע דורכגייער און איינוואוינער ארום די רימנוב גאס, און אזוי אויך די הונדערטער חשוב'ע תלמידים שיחיו פון די תלמוד תורה "בנין ווידער פאלאטשעק" און זייערע מרביצי תורה שליט"א, האבן אין די לעצטערע וואכן מיטגעהאלטן די אינטענסיווע בוי-ארבעט וואס איז אנגעגאנגען אויפ'ן ארט, דורכאויס די רענאוואציע-אונטערנעמונג צו רענאווירן און פארברייטערן דעם גאנצן ראוד צו יעדנ'ס צופרידנהייט.

ווי געזאגט, זענען אלע ארבייטער אויפ'ן פראיעקט, מיטגלידער אין די "סאליוואן קאונטי פעיווינג" פירמע, און זייענדיג "יוניאן ארבייטער" פארמאגן זיי פילע יארן ערפארונג אין פעלד פון קאנסטרוקציע.

עס איז ווערד אנצוצייכענען אז איידער זיי זענען אויפגענומען געווארן אלס ארבייטער אין די פירמע, האבן זיי געדארפט אדורכגיין א צען שעה'יגער "זיכערהייט-סעמינאר", וואו זיי האבן זיך באקאנט געמאכט מיט די פילצאליגע זיכערהייט אנגעלעגנהייטן מיט וואס אזא פראיעקט איז פארבינדן.

אט די אלע קוואליפיקאציעס איז שטארק צום דערקענען ביי די אנגייענדע בוי-ארבעט, וואו זיי צייכענען זיך אויס מיט זייערע קוואליפיקאציעס און געניטשאפט.

ס'איז איבעריג צו ערקלערן דאס וויכטיגקייט פון דעם פראיעקט, איבערהויפט דא אויף רימנוב, וואו עס האט שוין ליידער פאסירט עטליכע עקסידענטן פארנט פון די תלמוד תורה געביידע, נאכדעם וואס דער ראוד איז נישט געווען אויסגעשטעלט צו קענען אקאמאדירן אזא גרויסער צאל באסעס, וועלכע פירן און ברענגען די פילצאליגע תינוקות של בית רבן, כ"י.

טאקע דערפאר איז צום דערקענען דער שטארקער צופרידנהייט ביים ברייטן ציבור, תושבי השכונה, אזוי אויך דער גאנצער ציבור הורי התלמידים שיחיו, וועלכע האבן שוין א לענגערע צייט ארויסגעקוקט אויף אזא פראיעקט, און האבן שטארק באגריסט און צוגעהאלפן צום פראיעקט מיט אלעם וואס מעגליך.

אלס דער ערשטער שריט זענען ארויסגענומען געווארן די געוויקסן וועלכע זענען געוואקסן ממש אין די ערשטע פיס נעבן דעם ביז-היינטיגן ראוד, כדי צו קענען אויסברייטערן דעם ראוד, וועלכע איז טאקע אויסגעברייטערט געווארן מיט א סך הכל פון 10 פיס.

דאס האט געברענגט אז דער ביז-היינטיגער ראוד, וועלכע איז געווען ברייט בס"ה 30 פיס, איז פארוואנדלט געווארן אין א ברייטער ראוד פון 40 פיס, וועלכע קומט שטארק צוניץ בכל עת מצוא, און ספעציעל ווען עס הערשט א גרעסערע טראנספארטאציע-פארקער, צו פארזיכערן אז אנדערע פארבייפארער זאלן נישט בלייבן געשטראנדעט אינעם טראפיק.

צו דעם וואס דער ראוד ווערט אויסגעברייטערט, ווערט אהערגעשטעלט א נייער סיידוואלק אין די ברייט פון 6 פיס, אין אויסטויש צום ביז-היינטיגן סיידוואלק וועלכע איז שוין געווען אלט און נאכגעלאזט.



די אנגייענדע ארבייט צו פארברייטערן די רימנוב גאס



רימנוב גאס פארברייטערט מיט 10 פיס

# היכי דמי קידוש ה'?

א געוואלדיגער קידוש ה' איז פארגעקומען אויף די סטראפקוב גאס, נאכדעם וואס די צופרידענע ארטיגע איינוואוינער האבן מיטגעהאלטן פון דער נאנט וויאזוי די בוי-ארבעט ווערט אדורכגעפירט מיט גרויס געניטשאפט, שנעל, פלינק, און פראפעסיאנאל - כדי נישט צו שטערן דעם פארנומענעם פארקער אויף אזא שטארק-קאנצענטרירטע גאס מיט צענדליגער משפחות בליעה"ר - האבן זיי צווישן זיך באשלאסן ארויסצואווייזן די אידישע מדה פון הכרת הטוב, און איינצוקויפן א ברייטן מיטאג-צובייס פאר אלע ארבייטער.

די גוי'אישע ארבייטער זענען געווען אויסטערליש איבערראשט פון דעם שריט, עס איז זיי געווען א געוואלדיגער חידוש צו זעהן אז עמיצער אנערקענט זייער פלייסיגע און ענערגישע ארבעט.

"איך ארבעט שוין אין קאנסטראקציע איבער פערציג יאר" - האט זיך אויסגעדרוקט איינע פון די גוי'אישע ארבייטער מיט התפעלות - "איך בין שוין געווען אין פילצאליגע געגנטער, קיינמאל האט אונז נאך קיינער נישט אזוי ארנטליך באהאנדלט!"

איבערהויפט האבן זיי געכאפט א געוואלדיגער התפעלות צוזעענדיג דער הלוך ילך ביים שכינות'דיגער בנין התלמוד תורה "בנין ווידער פאלאטשעק", וויאזוי די מלמדים האבן אכטונג געגעבן אז קיין איינע פון זייערע חפצים, טראקס אדער מאשינען זאלן חלילה נישט געשעדיגט ווערן.

ולעומתם יאמרו, דער רעספעקט און יראת הכבוד מיט וואס די ילדי הת"ת האבן זיך באצויגן צו די מרביצי תורה שליט"א, איז פאר זיי געווען א חידוש וואס ווערט נישט געזען ביי - להבדיל - זייערע אוניווערסיטעטן און שולעס.

ונקדשתי בתוך בני ישראל.

# רענאוואציע-איבערזיכט

## סטראפקוב קאורט

אין די זעלבע צייט וואס איין גרופע האט זיך אפגעגעבן מיט די בוי-ארבעט אויף רימנוב, איז דעזיגנירט געווארן א ספעציעלע גרופע וועמענ׳ס אויפגאבע איז געווען: די רענאוואציע-ארבעט אויף די ״סטראפקוב גאס״.

אויף סטראפקוב איז אויך די גאס אויסגעברייטערט געווארן מיט נאנט צו 3 פיס; א נייער סיידוואלק איז הערליך אהערגעשטעלט געווארן; און א ספעציעלע ארבעט איז אונטערגענומען געווארן גענצליך צו רענאווירן די ״דרעינעדזש און אפלויף קאנאלן״ צו פארזיכערן אז עס איז נישט גורם קיין פארפלייצונגען בשעת שטארקע רעגנס, וועלכע האט שוין פארפלייצט מערערע בעיסמענטס אינעם עבר, און האט פאראורזאכט אסאך עגמת נפש פאר די ארטיגע איינוואוינער שיחיו.

די ארבעט איז אדורכגעפירט געווארן מיט גרויס געניטשאפט, שנעל, פלינק, און פראפעסיאנאל, כדי נישט צו שטערן דעם פארנומענעם פארקער אויף אזא שטארק-קאנצעטרירטע גאס מיט צענדליגער משפחות בליעה״ר, ווי עס וועלן עדות זאגן די ארטיגע צופרידענע איינוואוינער שיחיו, וועלכע האבן מיטגעהאלטן די גאנצע בוי-ארבעט פונדערנאנט טאג נאך טאג.

## אוהעל קאורט

אצינד ווערט די רענאוואציע-ארבעט פארגעזעצט אין פולן טעמפאו, ווען א גרופע פלייסיגע ארבייטער געבן זיך אפ מיט אוהעל קאורט, וואו די גאס ווערט אויך אויסגעברייטערט; די סיידוואלקס ווערן פריש-געגאסן און אויסגעברייטערט; און די גאנצע מלאכת הבני׳ שפאנט פאראויס ווי געפלאנט.

א ספעציעלער אונטערנעמונג האט זיך אויסגעפעלט אויף די אוהעל גאס, אין צוגאב וואס מען האט פריש איבערגעמאכט די צוויי אלטע ״דרעינידזש-קאנאלן״ זענען צוויי שפאגל-נייע דרעינידזש-קאנאלן אינסטאלירט געווארן, וואס דאס וועט האפנטליך ברענגען אן ענדע צום לאנגיעריגן פראבלעם וואס פלאגט עטליכע הייזער פון די גאס אין די ווינטער חדשים, ווען עס זאמלט זיך אן א גרויסער מאס וואסער, וואס ווערט דערנאך פארוואנדלט אין א גרויסן שטיק אייז, און עס פאראורזאכט א שטארקע סכנה פאר פארבייגייער און דרייווערס.

## פילמאר און טעילאר קאורט

אצינד, בשעת׳ן שרייבן די שורות, גרייט מען זיך צו די העפטיגע רענאוואציע-ארבעט אויף פילמאר קאורט, וואו עס ווערט אונטערגענומען א ספעציעלער פראיעקט צו פאררעכטן פארשידענע אלטע פראבלעמען, און פארברייטערן די גאס; אויספלאסטערן און גיסן פרישע סיידוואלקס; א.א.וו.

איידער די ארבעט האט זיך אנגעהויבן זענען אראפגעקומען אויפ׳ן ארט א גרופע פון עקספערטן און אינדזשענירן, וועלכע האבן שטודירט און אבזערווירט דעם פראבלעם וואס שאפט זיך אויף געוויסע טיילן פון די גאס, ווען עס רינט אראפ רעגן-וואסער פון די הייזער וועלכע געפינען זיך היפש העכער׳ן ראוד, און עס זאמלט זיך אן אסאך וואסער אויפ׳ן ראוד.

כדי צו פאררעכטן דעם פראבלעם, איז באשלאסן געווארן צו אינסטאלירן ספעציעלע ״דרעינידזש-פייפס״ פארנט פונעם סיידוואלק (ביים זייט פון די הייזער), און דורכדעם וואס די וואסער וועט אריינרינען אין די רערן, וועט עס האפנטליך נישט אראפרינען אויף די סיידוואלקס און ראודס, און נישט גורם זיין קיין אומאנגענעמליכקייטן אין די ווינטער חדשים, א.ד.ג.

אין די איצטיגע טעג וועט דער ראוד אויסגעברייטערט ווערן מיט 4 פיס - 2 פיס פער זייט, וואס דאס וועט פיל בייהילפיג זיין צו קענען אקאמאדירן די פילצאליגע פרישע דירות און דעוועלאפמענטס וועלכע ווערן צוגעבויעט אויף די גאס, און עס קומט כסדר אריין נאך, וואס טוט נאטורליך צוברענגען פילע פרישע קארס און פיסגייער אין די געגנט.

## מרדכי שעהר

אין די זעלבע צייט גייט אן אינטענסיווע בוי-ארבעט אויפצושטעלן א פעסטן ״ריטעינינג-וואנט״ און א נייעם פארקינג לאט דערויף, אויף מרדכי שעהר נעבן דעם שאפינג צענטער.

דער פראיעקט וועט בעז״ה צוברענגען 30 פרישע פארקינג-ערטער אויף די פארנומענע מרדכי שעהר גאס. איבערהויפט וועט עס שטארק צוניצקומען צו פארשידענע מאורעות און שמחות אינעם בארימטן ״קרן ויואל משה״ זאל, פאר די פילצאליגע קאסטומער פון די געשעפטן אינעם שאפינג סענטער, און אזוי אויך ביי גרעסערע כינוסים אין ביהמ״ד הגדול, ווען דער ציבור זוכט פארקינג ארום די גאנצע געגנט.

גלייכצייטיג ווערט דער דויערהאפטיגער ״ריטעיניג-וואנט״ אהערגעשטעלט מיט ספעציעלע ״וואסער-רערן״ אז די וואנט זאל בעז״ה נישט ווערן אפגעשוואכט במשך השנים דורכ׳ן וואסער-פלוס וואס זאמלט זיך אן, און דערנאך קען עס פירן און קאליע מאכן דעם גאנצן יסוד, נאר עס זאל תיכף ארויסרינען אינדערויסן.

*

דורכאויס די גאנצע בוי-ארבעט איז צום דערקענען די געניטע בוי-קוואליפיקאציעס מיט וואס די פירמע צייכנט זיך אויס, איבערהויפט פארמאגנדיג אן אייגענעם קאנקריט-פלענט, און ספעציעלע מאשינען צו מאכן ׳קוירבס׳, א.ד.ג. וואס דאס אלעס איז גורם אז די ארבעט ווערט ערמעגליכט אדורכגעפירט צו ווערן פיל פלינקער און שנעלער, כדי די צייטווייליגע שוועריגקייטן זאלן זיין וואס וויניגער פאר די ארומיגע משפחות שיחיו.

די ארבייט נעבן שאפינג צענטער וואו עס ווערט צוגעשטעלט פרישע פארקינג פלעצער





ווערט געזען ווי מען בויט אויף א שטארקן וואנט וואו עס וועט עווענטועל געבויעט ווערן דער פארקינג לאט אויפ׳ן זעלבן הייעך פון מרדכי שעהר בלוד.

## רענאוואציע מעלדונגען:



ונשמרתם מאוד:

מטעם הנהלת הווילידזש ווערט שטארק ארויסגעהויבן דאס וויכטיגקייט פון אויספאלגן די זיכערהייט-אנווייזונגען פון די בוי-פירמע, בשעת די אנגייענדע ארבעט.

די דרייווערס ווערן געבעטן אויסצופאלגן די שילדן וואס צייכענען אן ווען יא און נישט צו פארן, און נישט פרובירן אויסצומיידן די אנווייזונגען, וועלכע זענען בלויז אהערגעשטעלט געווארן לטובתינו.

גלייכצייטיג איז וויכטיג אכטונג צו געבן ביים אדורכפארן א קאנסטראקציע-זאנע, נישט מזיק זיין די אייגענע קארס אדער די פירמע׳ס חפצים בשעת׳ן אדורכפארן.

פאסט-מעלדונגען:

עס ווערט אויסגעדרוקט אנטשולדיגונג בנוגע די אומפאראויסגעזענע פראבלעמען וועלכע האבן זיך געמאכט בנוגע די ״פאסט״. דער ווילידזש האט פרובירט אלעס וואס מעגליך, נאכצוקומען די שווערע זיכערהייט רעגולאציעס וואס די פאסט-אגענטור פארמאגט ביי אנגייענדע קאנסטראקציע סייטס.

בו בזמן איז ווערד צו נעמען אין באטראכט אז היות די פאסט-קעסטלעך וועלן בעז״ה צוריק אינסטאלירט ווערן דורכ׳ן ווילידזש, איז אצינד די געלעגנהייט צו קויפן נייע פאסט-קעסטלעך, פאר ווער עס נויטיגט זיך דערין.




*

אזוי אויך איז וויכטיג צו נעמען אין באטראכט אז טראצדעם וואס די פירמע צייכנט זיך אויס מיט איר פראפעסיאנאליטעט און געניטע בוי-ארבעט, דאך איז אוממעגליך פאראויסצוזעהן פארשידענע קאמפליקאציעס וואס קענען זיך מאכן, א שטייגער ווי צייטווייליגע קורצשלוסן, וכדומה.

דער ווילידזש קאסטומער סערוויס דעפארטמענט שטייט גרייט ארויסצוהעלפן א יעדן איינוואוינער מיט סיי וועלכע אזעלכע סארט פראבלעמען, און האפן צוצוהעלפן מיט אלעם וואס מעגליך.

VILLAGE OF KIRYAS JOEL
Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder
Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

**- טעם זקנים פראגראם -**

# אכטונג!

**הויכגעשעצטע עלטערע איינוואוינער פון קרית יואל שיחי' עמו"ש;**

## דער זומער איז אין פולן שוואונג!

**עס איז א געשמאק ארויסצוגיין אביסל פון אינדערהיים**
**צו פארברענגען אין א געשמאקע אטמאספערע!**

# דער "טעם זקנים" פראגראם

**שטייט גרייט אייך צו באדינען**

אין די פראכטפולע זאלן פון
**"אשת חיל דקרית יואל-אהל חנה רחל"**
**7 Chevron Rd.**

וואו עס ווערט ווייטער צוגעשטעלט געשמאקע ווארימע מיטאג מאלצייטן יעדן טאג,
באגלייט מיט שיעורים, איבונגען און באשעפטיגונגען פאר די עלטערע איינוואוינער

**- טראנספארטאציע ווערט צוגעשטעלט אהין און צוריק -**

כדי מיר זאלן ווייטער קענען ממשיך זיין מיט דעם וויכטיגן סערוויס, איז וויכטיג אז די איינוואוינער פון 62 יאר
און העכער וואס זענען שוין בארעכטיגט צו געניסן פון די פראגראמען, זאלן אויך קומען אנטייל נעמען אין דעם
פראגראם און געניסן פון די געשמאקע אטמאספערע, וואס דאס וועט גלייכצייטיג זיין
א טובה פאר די עלטערע איינוואוינער וואס זענען אנגעוויזן דערויף

**פאר רעגיסטראציע אדער מער אינפארמאציע קענט איר זיך פארבינדן מיט מרת שאלאמאן אויף:**

**845-492-3245**

מיט דאנק, **דער ווילידזש**

# פובליק סעיפטי ווארענט צו האלטן וואכזאם אויג אויף די קינדער אין די זומער חדשים

### פארנאכלעסיגן שמירה אויף די קינדער קען ח"ו ברענגען "טשיילד אביוז" פראבלעמען

דער זומער איז שוין אנגעקומען מיט איר פולסטן שטארקייט, און די קינדערלעך נוצן אויס די געשמאקע וועטערס זיך צו שפילן איבער'ן טאג אינדרויסן פון שטוב אונטער'ן פרייען הימל.

קרית יואל פארמאגט די מעלה אז עס איז דא פלאץ פאר די קינדער צו שפילן פארנט פון די הייזער אויף די גראז און אויף די סיידוואקס, און מען דארף זיך נישט שפילן אויף די סכנה'דיגע ראודס.

אבער פון די אנדערע זייט שטעלט זיך ארויס אז א גרויסע פראצענט קינדער זענען נישט וואַך איבער די גרויסע סכנה פון זיך שפילן אויפ'ן ראוד, און עס האט זיך שוין ליידער אין דעם היי-יעריגן זומער סעזאן געשאפן אומאנגענעמליכקייטן דורך קינדער וואס האבן זיך געשפילט אויפ'ן ראוד וואו קארס און באסעס פארן און עס איז ממש געקומען לידי סכנה ה"י.

אבער די פראבלעמען האבן זיך נישט געענדיגט ביי דעם, נאר עס איז נאך ליידער געגאנגען א שטאפל ווייטער, ווען א משפחה איז שיער אריינגעפאלן אין לעגאלע "טשיילד אביוז" פראבלעמען, ווען באאמטע האבן אויפגעהויבן די אויגן ברעמען היתכן די עלטערן האבן נישט אכט געגעבן אויפ'ן קינד בשעת'ן זיך שפילן אז דער קינד זאל זיך נישט שפילן אויפ'ן ראוד.

דעריבער קומט די פובליק סעיפטי מיט א ווארענונג צו די עלטערן אז מען זאל שטענדיג האלטן א וואכזאם אויג אויף די קינדער ביים שפילן, וואס דאס איז באמת די געזעצליכע פליכט פון עלטערן אכטונג צו געבן אויף די קינדער, און מען דארף וויסן אז אויב פאסירט ח"ו עפעס ווען מען האט זיך נישט אומגעקוקט אויפ'ן קינד, דאן איז אויסער די סכנה דערפון, קען דאס ח"ו אויך גורם זיין לעגאלע פראבלעמען פאר די עלטערן.

עס איז פאראן אן עצה טובה אז עלטערן זאלן צווישן זיך מאכן א סדר אכטונג צו געבן אויף אלע קינדער וואס שפילן זיך אין הויף, און מען זאל זיך איינטיילן יעדן טאג זאל אן אנדערע מאמע אכטונג געבן אויף די קינדער פון די שכנים.

אז מען וועט טון די מינימאלע השתדלות אפצוהיטן די קינדער אזוי ווי מען איז פארפליכטעט, סיי תורה'דיג און סיי געזעצליך, דאן איז צו האפן אז השי"ת וועט האלטן די רעכטע האנט אויף אונז אלע צו ווערן אפגעהיטן פון אלעם בייזן.

אין אנדערע נייעס, ארייינטרעטנדיג אין דעם זומער האט די פובליק סעיפטי באריכטעט איבער א פארגרעסערטע צאל רופן פון בייק גניבות, וואס ווערן מעגליך גע'גנב'עט דורך גוי'טעס און שטוב געהילפן וואס דרייען זיך אין די גאסן, שוין בנוסף צו דאס וואס זיי גנב'ענען אין די הייזער אליינס און מען קען זיי נישט טראסטן מיט גארנישט.

עס האט זיך שוין אסאך מאל ארויסגעוויזן אז זיי גנב'ענען סיי וואס עס קומט זיי אונטער די האנט אפי' אויב זיי ברויכן דאס נישט. דעריבער דארף מען זיכער מאכן נישט איבערצולאזן קיין קיין שום ווערדפולע חפצים אין די גאס נאר אויב עס איז גוט צוגעבינדן.

התורה חסה על ממונם של ישראל.

# ווילידזש באס וועט פארן צום "פארמערס מארקעט" יעדן מיטוואך אין די זומער חדשים

פארגאנגענעם מיטוואך פ' קרח ולמס' יוני 22 האט זיך נאכאמאל געעפנט די לאקאלע פארמערס מארקעט, וואו די איינוואוינער פון קרית יואל האבן די מעגליכקייט צו געניסן פון די פיינע פרישע געשמאקע פרוכט און גרינצייג וואס ווערט פארקויפט אין די זומער חדשים.

דער סערוויס ווערט צוגעשטעלט אין די זומער חדשים ביז אקטאובער 26 למספ', אין די צייט וואס מען שניידט די פריש געוואקסענע פרוכטן און גרינצייג אין די לאקאלע פארעמס. די פארמערס מארקעט איז אפן יעדן טאג אין אן אנדערן לאקאל, און דאהי אין מאנרא זענען זיי אפן יעדן מיטוואך פון 9:00 אינדערפרי ביז 3:00 נאכמיטאג.

דער געוועונליכער באס רוט פונעם ווילידזש פארט נישט געוועונליך ביז אהין, אבער אין די זומער חדשים ווערט ספעציעל צוגעשטעלט דער באס יעדן מיטוואך, כדי איינוואוינער זאלן קענען אנקומען צום פארמערס מארקעט. די טעגליכע "טאון רוט" וועט צופארן יעדן מיטוואך פון 10:00 ביז 3:00 נאכמיטאג צו דעם פארמערס מארקעט און אראפלייגן און אויפנעמען די פאסאנדזשירן.

פילע איינוואוינער באנוצן זיך יערליך מיט'ן ווילידזש באס אנצוקומען צום פארמערס מארקעט. דער פארמערס מארקעט קומט אויך צוניץ פאר פאמיליעס וועלכע זענען בארעכטיגט צו געניסן פונעם שטאטישן "וויק" פראגראם וואס סערווירט אויך די מיטל קלאס פארדינער און טיילט אוועק אומזיסט ספעציעלע פארמערס מארקעט קיופאנס.

## VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

### פארמערס מארקעט באס סקעדזשועל

**מיר טוען מעלדן פאר די חשוב'ע איינוואוינער שיחי'**

אז דער "טאון רוט" פון די ווילידזש טראנספארטאציע דעפארטמענט
וועט דורכפארן דעם לאקאלן "פארמערס מארקעט"

# יעדן מיטוואך

**אנגעהויבן פון June 22 ביז Oct. 26**

צו אראפלייגן און אויפנעמען די פאסאנדזשירן

**- דער פארמערס מארקעט איז אפן יעדן מיטוואך פון 9:00 אינדערפרי ביז 3:00 נאכמיטאג -**

**די טראנספארטעישאן דעפארטמענט**

# וועז מען בּאָרט א לאך אין די אייגענע שיף...

## וויפיל יעדער איינציגער יחיד פון קרית יואל פארדינט דורך די עקזיסטענץ פונעם ווילידזש - וואס שטייט יעדער יחיד אויס צו פארלירן אויב געלונגט זיי ח"ו אפצושפארן דעם ווילידזש, היל"ת?! - פארוואס האט רבינו הקוה"ט זי"ע איינגעזעהן אז אָן אַן אייגענעם ווילידזש וועט נישט פארוויקליכט ווערן זיין לעבענס וואונטש, און אליין אנגעווענדן דאס שאפן דעם ווילידזש אוו קרית יואל?

ווי איר האט שוין געזען צווישן די נייעס האבן עטליכע מחרחרי ריב אויפגעהויבן א האק אין א פארצווייפלטן פרואוו אונטערצוגראבן די יסודות פון די שטאט וואס רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האט געגרינדעט, טראץ וואס זיי ווייסן אליין איבער די מינימאלע שאנסן וואס זיי האבן אז דאס זאל דורכגעפירט ווערן.

מיר וועלן דא זיך נישט אפגעבן מיט די נייעס זעלבסט, אבער אין אזא צייט איז א ריכטיגע דבר בעתו אז די טויזנטער קרית יואל'ער איינוואוינער בליעה"ר זאלן זיך באקענען פונדערנאנט מיט די אומצאליגע פעולות וועלכע קומען צושטאנד טאג טעגליך אויסשליסליך בלויז אדאנק דער עקזיסטענץ פונעם ווילידזש; וויפיל יעדער איינציגער יחיד פון אלע קנאפע 4,000 משפחות פארדינט פון די ווילידזש'ס עקזיסטענץ; און ווי ווייט מיר דארפן אפגעבן א שבח והודי' יעדן טאג פאר'ן רבש"ע אז ס'איז געלונגען פאר רביה"ק זי"ע צו גרינדן א ווילידזש, וואס אָן דעם וואלט די שטאט קרית יואל שוין פון לאנג אונטערגעגאנגען.

לאמיר גיין אין די רייע, טעמע ביי טעמע, און זיך פרובירן פארצושטעלן וויאזוי די מחרחרי ריב ווילן אז קרית יואל זאל אויסקוקן, אלעס צוליב די אור אלטע טענה פון די פאלשע מוטער אז "גם לי גם לך לא יהיה":

קודם וועלן מיר אויסשמועסן די 3 יסודות וואס פעלט זיך אויס ביים דעוועלאופען סיי וועלכען שטח אין די גאנצע אפסטעיט געגנט, וואס אפי' נאך האבן לאנד קען אן דעם קיין דירות נישט געבויט ווערן, דהיינו: זאונינג, סוער, וואסער.

### זאונינג

ס'איז גוט באקאנט פאר די עלטערע תושבי קרית יואל וויפיל צרות צרורות מען האט זיך אנגעליטן פון די גוי'אישע באהערדע און שכנים, אין די ערשטע צוויי יאר צייט פון אלול תשל"ד ביז חשון תשל"ז וואס קרית יואל איז געשטאנען בעפאר דעם ווילידזש. דאס איז אייגנטליך געווען די הויפט סיבה פארוואס מ'האט בכלל געגרינדעט דעם ווילידזש ווי געשילדערט באריכות אין ספר "רצון צדיק", וואס איז ארויסגעקומען דורכ'ן אומפארגעסליכן ראה"ק ומנהל המוסדות הרה"ח ר' לייביש לעפקאוויטש ע"ה, וואס ער איז געווען שליחו הנאמן פון רביה"ק לייסד ולכונן קריתנו הק'.

וויפיל מ'ווייסט אבער, נעמט מען נישט אין באטראכט די טאג טעגליכע חסדי שמים וואס מ'פארדינט אומאויפהערליך פונעם פאקט אז מ'זיצט אונטער אן אייגענעם ווילידזש, מיט איבערגעגעבענע און געטרייע חברי הנהלה וועלכע זענען פערזענליך אריינגעטאן אין די אייגנארטיגע און לעבנסוויכטיגע געברויכן פון דעם היימישן ציבור היראים לדבר ה'. גענוג צו כאפן א בליק אויף די אומאויפהערליכע העצערייען פון די ארומיגע שכנים צו פארשטיין וויפיל צרות יגון ואנחה מיר וואלטן אדורך מיט יעדן ריר, און וואלט שוין לאנג געקומען צו א האסטיגן אפשטעל.

נאר אויסצורעכענען עטליכעביישפילן וואס זענען בלויז ערמעגליכט געווארן דורך האבן אן אייגענעם ווילידזש:

1) דאס ערלויבן צו בויען מולטי פעמילי הייזער וואס האט ערמעגליכט דעם אויפבוי פון טויזנטער דירות כ"י אין די ווילידזש גרעניצן;

2) ארויסבויען און פארגרעסערן עקזיסטירנדע הייזער;

3) קלענערע געשעפטן אין די הייזער, וואס איז אין א רעזידענשאל זאונינג; דאס זעלבע מיט אפיסעס אין רעזידענשאל זאונינג; [איינער פון די ערשטע קרית יואל'ער איינוואוינער איז זאגאר ארעסטירט געווארן פאר'ן עפענען א גראסערי אין זיין פריוואטע הויז, אין די יארן ווען נישט היימישע אידן האבן געמאכט די זאונינג פארשריפטן!]

4) בתי מדרשים אין אלע ווינקלען פון שטאט. סיי די באזונדערע בניני בית המדרש, און נאכמער די שולן וועלכע געפינען זיך אין פריוואטע בעיסמענטס אד"ג;

וויפיל צרות האט מען אויסגעטיילט צו צוויי פריוואטע בתי מדרשים, ראפשיץ און לאנצוט, וועלכע זענען געבויט געווארן אויף שטחים אינדרויסן פונעם ווילידזש?! יעדעס מאל וואס מ'וויל בויען געביידעס פאר שולן אדער מוסדות אין רעזידענשעל געגנטער גייט מען אדורך שבעה מדורי גיהנום ביז מ'קען עפעס ערלעדיגן מיט די הארטע ביוראקראטיע פון סיי וועלכע לאקאלע רעגירונגען אין די סובארבס, און מ'קען זיך אליין פארשטעלן וואס מ'וואלט געהאט אויסצושטיין פון די וועלכע קוקן מיט א קרום אויג אויף יעדע איינציגע הרחבת גבולי הקדושה. זיי זענען קיינעם נישט בודק די ציצית... און דרייען מיט אלעמען איייניג!

ווילן די מחרחרי ריב טאקע צוריקגיין צו די דאזיגע צייטן?! זענען זיי גרייט צו וואוינען אין א פלאץ וואו די טאון אינספעקטארס קריכן ארויף מיט לייטערס אריינצוקוקן אין די פענסטער זען צי מ'האט נישט חלילה פארלעצט די שטרענגע זאונינג געזעצן?! זענען זיי באמת דערביי אז מ'זאל 'זיי' אנהייבן אריינצוקריכן אין די קישקעס אויף רעכטס און לינקס, און נאכזוכן אויף יעדע פערטל אינטש וואס זיי טרעטן ארויס פון די פארלאנגטע פלענער?!

און צוריקגעשמועסט, ועמען וועלן זיי אנקלאגן ווען די "טאון" וועט זיי שטערן אין זייערע אומבארעכטיגטע פארלעצונגען פון די זאונינג פארשריפטן קעגן דעם וואוילזיין פון זייערע שכנים?!

וועלן זיי דאן פארלאנגען פון געריכט אז מ'זאל אויפלעזן אמעריקע?!

### סוער

באמת דארף מען נישט צוריקגיין ביז די תש"ל יארן זיך צו דערמאנען די פראבלעמען וואס מ'וואלט געהאט אָן א ווילידזש. פאר'ן גרעסטן טייל פון די איינוואוינער ליגט נאך טיף איינגעקריצט אין די ביינער די עטליכע יאר אין די ענדע תש"נ יארן ווען די קאונטי האט ארויפגעלייגט א זעכצן יאריגן מאראטאריום צו בויען דירות צוליב מאנגל אין סוער, אן וואס ס'זאל קיינעם ארום ק"י אינטערעסירן דאס מינדסטע צוצושטעלן דעם נויטיגן סוער געברויך פאר די גאנצע קאונטי, און תושבי קרית יואל האבן געשפירט ווי א שטריק ארום דעם האלז. יעדעס לעכל איז געווארן אויסגעבויט פאר א 'דירה', און מ'האט געשפירט ממש ווי ס'איז באו מים עד נפש.

דאן האט דער אויבערשטער געשיקט זיין הילף דורך די אקטיווע און אומערמידליכע ארבעט פון די געטרייע הנהלת הקרי', וועלכע האבן גאנץ שנעל פאראויסגעזען דעם פראבלעם און זיך גענומען ארבעטן אויפצובויען דעם גיגאנטישן 15 מיליאן דאלארדיגן סוער-פלענט אין קרית יואל, וואס בלויז אדאנק דעם האט מען געקענט אראפנעמען דעם מאראטאריום און אנהייבן צוריק בויען דירות פאר די קרית יואל'ער איינוואוינער. ס'האט געקאסט ממון ודמים, תרתי משמע, בלוט און שווייס מיט אסאך עגמת נפש, אבער אין די ענדע האט מען עס ב"ה באוויזן דורכצוברעכן מיט אומגלויבליכע סייעתא דשמיא.

היינט צו טאג, 13 יאר שפעטער און מיט קרוב צו נאך 2,000 ! דירות, ווען קרית יואל האט זיך צושפרייט ימה וקדמה צפונה ונגבה מיט פרישע דירות אין אלע עקן שטאט, זיצט נישט די אייפערדיגע הנהלת הקרי' און קלאפט זיך שישו מעי. ס'איז נישט גענוג די גדולות ונצורות וואס מ'האט ב"ה באוויזן אויפצוטון ביז אהער, מ'מוז כסדר גיין פאראויס. קרית יואל בלייבט נישט שטיין!

מאמענטאל איז טאקע פאראן א דירות איבערפלוס אין קרית יואל, אבער דאס קען גאר אינגיכן זיך טוישן. די שטאט פארמאגט היינט העכער 7,000 קינדערלעך - בלויז מיידלעך אליין - בליעה"ר, און זיי "אלע" וועלן געברויכן דירות אין די קומענדיגע צוואנציג יאר אי"ה. יעדעס יאר האבן חתונה ארום 180 יונגע פארפעלקער קע"ה, און דאס גייט זייער שנעל ארויפגיין צו 200-400 יעדן איינציגן יאר! דערצו ווען מ'רעכנט אריין פילע תושבי וויליאמסבורג און אנדערע אידישע געגנטער וועלכע קומען מאיזה סיבה זיך באזעצן אין קרית יואל, פארשטייט מען אליין אז אפילו דער גיגאנטישער סוער פלענט וועט נישט קלעקן אויסצוהאלטן דעם ריזן וואוקס וואס איז פאראויסגעזען פאר די שטאט, משיח זאל אודאי

(פארזעצונג אויף זייט 14)

TO THE SUPERVISOR OF THE TOWN OF MONROE

In the Matter of the Incorporation of the Village of KIRYAS JOEL

PETITION FOR INCORPORATION OF VILLAGE

1. The undersigned residents of the territory of the proposed Village of KIRYAS JOEL petition for the incorporation of the territory as a Village pursuant to Article 2 of the Village Law.

2. This petition is made and signed by at least twenty percent (20%) of the residents of such territory proposed to be incorporated, qualified to vote for Town Officers in the Town of Monroe, the Township in which all such territory proposed to be incorporated is located.

3. The name of the proposed Village is KIRYAS JOEL.

4. The territory proposed to be incorporated contains a population of at least five hundred (500) regular inhabitants, namely approximately six hundred seventy-five (675) persons who are regular inhabitants of the territory proposed to be incorporated and as such of the Town of Monroe.

5. The territory proposed to be incorporated does not include therein a part of a city or village; the limits of the territory do not contain more than five (5) square miles.

6. ABRAHAM WERZBERGER, residing in the territory proposed to be incorporated at 24 Quickway Road, Apartment 6B, Monroe, in the Town of Monroe, New York, is hereby designated as the person on whom

| | | |
|---|---|---|
| Jonas | Feurwerker | 43 Quickway Rd. Monroe,N.Y. |
| Sara | " | " " " |
| Rachel | " | " " " |
| Joseph | " | " " " |
| Grand Rabbi | J. Teitelbaum | Bakertown Road Monroe,N.Y. |
| Rebetzen | F. Teitelbaum | Bakertown Road Monroe,N.Y. |
| Herman | Gluck | Bakertown Road Monroe,N.Y. |
| Meir | Deitch | Bakertown Road Monroe,N.Y. |
| Chaim | Teitelbaum | Bakertown Road Monroe,N.Y. |
| S. J. | Weiss | Bakertown Road Monroe,N.Y. |

EXHIBIT B

דאקומענטן פון דעם ארגינעלן פעטיציע וואס תושבי קרית יואל האבן אריינגעגעבן צו פארלאנגען א אייגענעם ווילידזש

אויפן אונטערשטן דאקומענט ווערט געזען דאקומענטירט דעם נאמען פון רביה"ק זי"ע צווישן די וועלכע האבן אריינגעגעבן דעם פארלאנג צו עפענען אן אייגענעם ווילידזש

# אויסטערלישער חילול שם שמים ר״ל פון שרעקליכע מסירה אריינגעגעבן אין פעדעראלן געריכט אויפצולעזן דעם ווילידזש

(פארזעצונג פון זייט 1)

און איבערגעגעבענע חשוב'ע חברי הנהלת הווילידזש, זענען די געמיינע מוסרים באלד געלאפן צו די פיינטליכע גוי'אישע פרעסע - זייערע אלטע גוטע פריינט - מיט זינלאזע בלבולים און פרעכע שקרים, ווי זייער אלטער רשעות'דיגער שטייגער צו גיין מלשין זיין ביי די גוים רח״ל קעגן יעדן וואס איז נישט גרייט צו גיין מיט זיי אין שפאן.

נאך אין זעלבן טאג איז שוין דער פיינטליכער רעקארד געטאנצן אויף די נייעס כמוצא שלל רב, ווי אויך אנדערע נייעס סטאנציעס זענען געשפרינגען אויף די מציאה צו קענען באשמוצן אידן דורך נוצן אנדערע אידן צו טון די שמוציגע ארבעט פאר זיי. בלית ברירה איז דער ווילידזש געווען געצווינגען אפצוענטפערן זייערע ווילדע אטאקעס דורך ארויסגעבן א פרעס-רעליעס וואו זיי האבן צוריקגעשליידערט די שענדליכע בלבולים איבער מכלומר'שטע רעליגיעזע דיסקרימינאציע און פארשפראכן צו קעמפן פאר די רעכטן פון קרית יואל'ס טויזנטער איינוואוינער, וועלכע ווען מעגליך פארלירן די גאנצע הייליגע שטאט קרית יואל! אויב ח״ו זיי זענען מצליח אפצושפארן דעם ווילידזש.

דער קלימאקס פונעם חילול השם איז אבער פארגעקומען פאריגן דאנערשטאג שלח, ווען די אטענשאן-הונגעריגע מלחמה ציינדער האבן פארופן א פרעסע קאנפערענץ, וואו זיי האבן געגאסן פעך און שוועבל קעגן זייערע אייגענע אידישע ברידער, וואס די דורויסנדיגע פיינטליכע מידיא האט זיך באלעקט די פינגער מיט הערן ווי מיאוס איין איד טרעט ארויס קעגן א צווייטן.

זינט דאן האבן שוין צענדליגער מידיא סטאנציעס זיך פאסמאקעוועט מיט די שענדליכע בלבולים, און עס אויסגענוצט פאר זייערע אייגענע צוועקן צו אטאקירן דאס גאנצע חרדי'שע אידנטום און דעם ערליכן תורה'דיגן לעבנסשטייגער - וועלכעס שטייט אין שארפן קאנטראסט צו די נידריגע מאראלישע ווירדן וועלכע פארפלייצן די אמעריקאנער גאס. מערערע פון זיי האבן געצויגן א פאראלעל פון די איצטיגע קלאגע צו די מיאוס'ע אטאקע פונעם "ניו יארק טיימס" קעגן קרית יואל וואס איז ברייט באריכטעט געווארן אין די פאריגע אויסגאבע פון די "הקריה".

עס איז שווער אויסצורעכענען אלע זינלאזע בלבולים און געמיינע השמצות וואס זיי רעכענען אויס אין די 59 בלעטער פון די קלאגע, מיר וועלן דעריבער נאר בארירן די צענטראלע פונקטן פונעם געפעכט, און די הויפט נקודות אויף וואס זיי באזירן די שענדליכע מסירה. ווי אויך ארויסברענגען וויפיל שאדן עס קען חלילה ארויסקומען פון די קלאגע פאר יעדן איינציגן תושב אין קרית יואל - אפילו אויב זיי וועלן, ווי ערווארטעט, נישט דערגרייכן זייער ענד-ציל פון אפשליסן גענצליך דעם ווילידזש.

פאלגנד זענען טייל פון די יסודות אויף וואס זיי באזירן זייערע דיסקרימינאציע קלאגעס, וואס די היגע איינוואוינער וועלכע זענען באקאנט מיט די פאקטן פונדערנאנט און זענען נישט אריינגערעכנט אין דעם "הרוצה לשקר ירחיק עדותו", וועלן אליין זען ווי לעכערליך און נישטיג די טענות זענען:

### - גערודער אין די ימים טובים

זיי קלאגן דעם ווילידזש פאר דעם 'שוידערליכן פארברעכן' פון ערלויבן צו מאכן א הדלקה מיט ריקודין אום ליל ל״ג בעומר לכבוד התנא האלקי רבי שמעון בן יוחאי, וואס לויט זיי פארלעצט דאס דעם געזעץ פון מאכן גערודער אין די נאכט שעה'ן.

דאס זעלבע "פארברעכן" איז אפגעטון געווארן מוצאי יו״ט שבועות העעל״ט ווען די רבבות אידן וואס האבן געוויילט אויף יו״ט בצל הקודש פון כ״ק מרן רבינו שליט״א האבן זיך געזעגנט פונעם יו״ט מיט פרייליכע טענץ פארנט פון ביהמ״ד הגדול און האבן געמאכט א "גערודער" אין די נאכט שטונדן, און דער ווילידזש האט דאס נישט געשטערט (עס געדענקט זיך נאך ווען דער זעלבער פלעגט יערליך רופן די פאליציי מוצאי יו״ט ביי די באגלייטנס פון כ״ק מרן רבינו בעל ברך משה זי״ע מיט'ן אויסרייד אז מען שטערט אים דעם שלאף...)

און ווער רעדט נאך פון די "עוולה" וואס דער ווילידזש האט בפועל צוגעשטעלט באריקאדעס און ליכט-טורעמס ביי פארשידענע געלעגנהייטן ווען עס זענען זיך צוזאמגעקומען טויזנטער אידן ביי פארשידענע געלעגנהייטן.

### צושטעלן בתי מדרשים

צווישן די קלאגעס טוען זיי אויך קלאגן היתכן דער ווילידזש פארלאנגט פון אלע דעוועלאופערס צו בויען א "קאמיוניטי רום", וואס זיי טענה'ן אז דאס איז געצילט בלויז צו בויען "בתי מדרשים" אין אלע געגנטער. ווייזט אויס אז זיי ווילן טאקע צוריקגיין צו די צייטן ווען גאנצע דעוועלאופמענטס זענען געבויט געווארן גענצליך אן קיין בתי מדרשים, און יונגעלייט האבן געדארפט קלעטערן בערג און טאל אונטער די הייסע זון אדער אין הויכע שנייען צו דאווענען אין א געהעריגע מקום תפילה.

### א בראך! "בילדינג דעפארטמענט" צו נאכגעביג...

אין א גאר מיאוס'ן אקט קלאגן זיי אז דער ווילידזש גיבט נישט גענוג איבער פאר די סטעיט איבער אלע אקטיוויטעטן פון בוי ארבעט אין די שטאט... לויט זייער קלאגע זענען די בילדינג דעפארטמענטס אין אנדערע געגנטער פיל שטרענגער און האלטן מער אינפארמירט די סטעיט איבער אלע בילדינג אקטיוויטעטן! איר הערט א מסירה?!

נאך מער פון דעם ברענגען זיי ספעציעל ארויס אין די געמיינע מסירה אז דער מעיאר, הרה״ח ר' אברהם ווידער שליט״א, האט 'רחמנא ליצלן' געהאלפן עפענען די מתיבתא נאכדעם וואס ס'איז געווען אפגעשפארט בין הזמנים צוליב א פייער אויסברוך (נאכ'ן אנווייזן וואס צו פאררעכטן, דורך אינסטאלירן אלע פייער זיכערהייט אינסטאלאציעס לויט'ן געזעץ). זיי שרייבן אין די קלאגע אז דער אנגעקלאגטער [הרה״ח ר' אברהם] ווידער איז געווען "אויפגעקאכט" אז די

(פארזעצונג אויף זייט 19)

UNITED STATES DISTRICT COURT
SOUTHERN DISTRICT OF NEW YORK

---

KIRYAS JOEL ALLIANCE; CONGREGATION BAIS YOEL OHEL FEIGE; ZALMAN WALDMAN; MEYER DEUTSCH; BERNARD TYRNAUER; ISAAC SRUGO; JOSEPH WALDMAN; MOSHE TENNENBAUM; DAVID WOLNER; and JOELWALDMAN,

Plaintiffs,

-against-

VILLAGE OF KIRYAS JOEL; JACOB REISMAN, Village Trustee, sued in his official capacity; MOSES GOLDSTEIN, Village Trustee, sued in his official capacity; JACOB FREUND, Village Trustee, sued in his official capacity; SAMUEL LANDAU, Village Trustee, sued in his official capacity; ABRAHAM WEIDER, Mayor of the Village of Kiryas Joel, sued in his official capacity; MOSES WITRIOL, Director, Village of Kiryas Joel Department of Public Safety, sued in his individual and official capacities; CONGREGATION YETEV LEV D'SATMAR OF KIRYAS JOEL; DAVID EKSTEIN; TOWN OF MONROE; and CESAR A. PERALES, sued in his official capacity as acting New York State Secretary of State,

Defendants.

Civil Action No.

FILED
USDC WP SDNY

**COMPLAINT**

**JURY TRIAL DEMANDED**

'11 CIV 3982

---

By and through their attorneys, Sussman and Watkins, Plaintiffs complain of Defendants as follows:

**NATURE OF THE ACTION**

1. Defendant VILLAGE OF KIRYAS JOEL (hereinafter "KJ" or "the Village"), is a theocracy. The affairs of its government are inherently infused by, and entangled, with religion such that its very existence as a municipality violates the Establishment Clause of the First Amendment to the United States Constitution, as made applicable to the states by the Fourteenth Amendment.

Page 1 of 59

**איבערזעצונג פון ערשטע זייט פון די קלאגע וואו עס ווערט אויסגערעכנט די קלעגער און די אנגעקלאגטע**

**יונייטעד סטעיטס דיסטריקט קאורט**
**דרום דיסטריקט פון ניו יארק**

---

**קרית יואל אלייענס;** (פאלגענד איז א ליסטע פון די פירער פון קרית יואל אלייענס לויט ווי עס פיגורירט אויף זייער אפעציעלע לעטער העד: **עקזעקיוטיוו דירעקטארס:** מענדל שווימער, שלמה מעכיל ראזנער, מאיר דייטש, קלמן ווייס, יוסף פנחס סטרולאוויטש, פנחס יאקאבאוויטש. **קאנגרעגעשענאל באארד:** אברהם יעקב פאזען, זלמן לייב וואלדמאן, ראובן פאלקאוויטש, משה מנחם סאנדל, יחיאל גלויבער, פנחס זאלצער, יעקב פריעדמאן, יוסף דוד הירש, ישעי' בנציון זילבערשטיין, שלמה פעדער, מנשה בירנבוים, דוד שלמה קרויס, משה פאלקאוויטש, יעקב הערש זילבערשטיין. **טרעזשורער:** אברהם פריעדמאן. **סעקרעטאר:** ליפא דייטש. **קאמיוניטי אפעירס:** אברהם יושע פריינד) ; **קאנגרעגעישאן בית יואל אהל פיגא; זלמן [לייב] וואלדמאן; מאיר דייטש; בערנאד [יעקב ברוך] טירנויער; יצחק סרוגא; דזשאסעף [יוסף] וואלדמאן; משה טענענבוים; דוד וואלנער; און יואל וואלדמאן.**

**אנקלעגער**

**- קעגן –**

**ווילידזש אוו קרית יואל; הרה"ח ר' יעקב אלי' רייזמאן הי"ו** ווילידזש טראסטי; **הרה"ח ר' משה גאלדשטיין הי"ו** ווילידזש טראסטי; **הרה"ח ר' יעקב ישראל פריינד הי"ו** ווילידזש טראסטי; **הרה"ח ר' שמואל אהרן לאנדא הי"ו** ווילידזש טראסטי; **הרה"ח ר' אברהם ווידער שליט"א** מעיאר פון ווילידזש אוו קרית יואל; **מו"ה משה לייב וויטריאל הי"ו** דירעקטאר פון ווילידזש אוו קרית יואל דעפארטמענט אוו פובליק סעיפטי; **קאנגרעגעישאן יטב לב דסאטמאר אוו קרית יואל; דוד עקשטיין; טאון אוו מאנרא; און סיזאר עי. פיראלעס** ניו יארק סטעיט סעקרעטערי אוו סטעיט;

**אנגעקלאגטע**

# ווען מען באָרט א לאָך אין די אייגענע שיף...

(פארזעצונג פון זייט 12)

פריער קומען.

יעצט לאמיר הערן, צי איז דא איינער פון די מחרחרי ריב וואס איז גרייט אז אונזערע דרויסנדיגע שכנים זאלן זיין באאויפטראגט זיך צו ספראווען מיט דעם בעפארשטייענדן סוער פראבלעם?! די זעלבע וועלכע קריצן מיט די ציין אויף יעדן שאקל אונזערן, און די זעלבע וועלכע האבן געטאנצן פאר שמחה מיט 20 יאר צוריק אז ס'איז נישטא קיין סוער און ס'איז יא דא א מאראטאריום, נישט רירנדיג קיין פינגער אין קאלט וואסער צו פארעכטן דעם פראבלעם, וויל מען יעצט איבערגעבן פאר זיי אין די הענט זיך אפצוגעבן מיט אונזערע געברויכן?!

פאנטאזיע האט אויך א שיעור!

## וואסער

זינט בריאת העולם איז וואסער אלעמאל געווען דער וויכטיגסטער ארטיקל אויף דער וועלט, און דער מקור פאר אומצאליגע מלחמות און סכסוכים צווישן שכנים. אונזערע אבות הקדושים אברהם און יצחק האבן זיך שוין געזארגט פאר אונז, - וואו באוואוסט אין די ספה"ק אז דאס אלעס איז געווען א פועל דמיוני פאר די דורות העתידים, - ווען די שכנים אין ארץ פלשתים האבן זיך געקריגט מיט זייערע פאסטוכער פרובירנדיג צו גנב'נען זייערע וואסער קוועלער.

אויך היינט, אין די עפאכע פון וואסער קראנען און ספרינג-וואסער פלעשער, איז וואסער א גאר טייער ארטיקל, וועמענ'ס ווערד וואקסט כסדר. נאך היינט, אין 21'סטן יארהונדערט למספרם, קומען פאר מלחמות אין פארשידענע עקן וועלט איבער צוטריט צו ריינע וואסער. דא אין אמעריקע לעב מיר ב"ה אונטער א מלכות של חסד וואו עס הערשט געזעץ און ארדענונג, אבער וואסער סכסוכים איז דא לרחצה איבער די לענג און ברייט פון לאנד.

מיר דא אין קרית יואל האבן אין די לעצטע קרוב צו 40 יאר מיטגעמאכט גאר אסאך עגמת נפש איבער צוטריט צו ריינע וואסער. נישט נאר האט עס אפגעקאסט ריזיגע אוצרות געלט צוצושטעלן גענוג וואסער פאר די טויזנטער איינוואוינער כ"י, עס האט אויך אפגעקאסט אומאויפהערליכע אויסמאטערנדע געפעכטן מיט די ארומיגע שכנים, וועלכע האבן סיי פארפירט אז מיר נעמען צו זייער וואסער, און אין די זעלבע צייט פרובירט מיט אלע כוחות אונז שטערן פון טרעפן פרישע וואסער קוועלער כדי דאס צו נוצן אלס תירוץ אפצושטעלן ח"ו דעם מאכטפולן בליה און וואוקס פון די הייליגע שטאט.

ב"ה אשר לא השבית לנו גואל, און בכוחו של אותו זקן רביה"ק זי"ע דער מייסד הקרי' האט דער ווילידזש באוויזן צו טרעפן מערערע גרויסע קוועלער וועלכע פיטערן היינט צו טאג די גאנצע שטאט מיט לויטערע און געשמאקע וואסער, אבער דאס איז ווייט נישט גענוג צוצושטעלן דעם פאראויסגעזעענעם געברויך און שמירן די רעדער פון דעם ערוואַרטעטן וואוקס אין דער צוקונפט.

ס'איז נישט קיין סוד פאר תושבי קרית יואל איבער די גראנדיעזע אונטערנעמונג וואס די חברי הנהלת הווילידזש האבן געלאזט אין גאנג די לעצטע יארן, אויפצובויען א גיגאנטישן "פייפליין" וואס זאל באהעפטן קרית יואל צו די ריזיגע וואסער רעזערווארן וועלכע פיטערן ניו יארק סיטי און לויפן דורך אין אונזער קאונטי. אסאך וואסער איז שוין אפגעפלאסן פון ווען דער פלאן האט זיך אנגעהויבן רירן, אבער ב"ה היינט קען מען שוין זאגן אז מ'האלט נאנטער ווי ווייטער, און האפנטליך וועט מען אין נישט קיין לאנגע צייט ארום קענען מאכן א זאפטיגן שהכל אויף די נארהאפטיגע וואסער מיט וואס די סיטי איז בארימט.

עס איז באקאנט דער משל פון די חכמי המוסר איבער יענעם פערד וועלכער האט זיך געזען אפשפיגלען אין די ריינע וואסער וואס ער האט געטרינקען, און געשטויסן דאס וואסער אזוי לאנג ביז ס'איז געווארן גענוג שמוציג אז ער זאל זיך מער נישט זען דארט, אבי 'יענער' זאל נישט האבן קיין ריינע וואסער. יעצט פרעגט אייך אליין, איז דאס מיט וואס מיר האנדלען דא? זענען 'זיי' גרייט שמוציג צו מאכן די אייגענע וואסער, און גענצליך אפשטעלן די מעגליכקייט פון בויען נאך הייזער אין קרית יואל, בלויז פאר די אייגענע תאות הנצחון און שררה המדומה?!

ערווארטן זיי באמת אז די וועלכע האבן אונז געשלעפט אין געריכט אפצושטעלן אונזער צוטריט צו וואסער מעגליכקייט, וועלן מיטאמאל זיך טוישן די הויט און פלוצלינג נעמען ארבעטן אז קרית יואל זאל יא האבן וואסער צום טרינקען?!

***

דאס אלעס איז נאר בארירט אויפ'ן שפיץ גאפל די סאמע יסודות פארוואס רביה"ק זי"ע האט איינגעזען אז קרית יואל וועט נאר קענען שטיין ביז משיח'ס טאג, אויב עס ווערט געגרינדעט אן אייגענער ווילידזש, און וויאזוי שווימנדיג אין דעם ברויזנדן ים, ווי א פארבלאנזשעטע שעפעלע ארומגענומען מיט פארצוקענדע ווועלף, איז קריטיש וויכטיג פאר'ן עקזיסטענץ פון קרית יואל צו פארמאגן אן אייגענעם ווילידזש.

מען דארף אבער אויך נישט פארגעסן די אומצאליגע זייטיגע בענעפיטן וואס קרית יואל פארדינט פון האבן אן אייגענעם ווילידזש. צי דאס איז מיט די היסטאריש-נידריגע ווילידזש שטייערן וואס קרית יואל'ער איינוואוינער צאלן קעגן די ארומיגע שכנים; אומצאליגע קלענערע און גרעסערע פראגראמען און סערוויסעס וואס ווערן בלויז צוגעשטעלט אין ווילידזש און נישט ביי די ארומיגע שכנים; דאס האבן א ווארים אידיש הארץ ביים רודער ווי איידער אייז-קאלטע ביוראקראטן; ארבעטן אומאויפהערליך צו ברענגען ביזנעסער, זשאבס, פארשידענע ביזנעס גרענטס אד"ג אויפצוהייבן קרית יואל'ס עקאנאמיע; אזא פראגראם ווי טעם זקנים; דאס האבן א פייער דעפארטמענט מיט א אידיש הארץ ווי מצילי אש; האבן 'ערוועלטע' אידישע שתדלנים, וואס עס לאזט זיך גארנישט זאגן וויפיל עס מאכט אויס אין אמעריקע דער פאקט אז דער שתדלן זיצט אויף אן ערוועלטן אמט; ועוד כהנה וכהנה.

## די שאדנס אינצווישן

מ'מוז נעמען אין באטראכט נאך א פאקט, וואס איז בלי ספק א וויכטיגער טייל אין די רשעות'דיגע פלענער פון די יעניגע וועלכע זוכן אונטערצוהאקן יעדע דבר שבקדושה פאר זייערע גייציגע אינטערעסן, און זענען גרייט אז די גאנצע שיף זאל איינזינקען חלילה און די גאנצע שטאט זאל אונטערגיין אויב זיי שטייען נישט ביים רודער.

ס'איז ריכטיג אז עס זענען פאראן מינימאלע שאנסן אז זייערע געמיינע פלענער פון אפשפארן דעם ווילידזש זאלן מצליח זיין. מיר ווייסן עס, זיי ווייסן עס, און יעדער ווייסט עס. דער ווילידזש איז אויסגעהאלטן געזעצליך אויף 100% [עפעס וואס מ'קען נישט זאגן אויף די יארן וואס זיי און זייערע שותפים האבן עס געפירט...], און טראץ וואס ס'קומט אפט אן שווער האלט מען זיך שטרענג צו אלע לעגאלע פארשריפטן און פארלאנגען פון די פעדעראלע און ניו יארקער געזעצן, וד"ל.

למעשה אבער איז דער פאקט אז די קלאגע ברענגט פארט אומגעהויערע שוועריגקייטן פאר די שטאט און דעם פרייז צאלן "אלע" אירע טויזנטער איינוואוינער. אפגעזען פון די ריזיגע לעגאלע קאסטן וואס קומט באגלייט מיט אזא קלאגע, ברענגט עס אבער מיט זיך פארשידענע זייטיגע פראבלעמען פאר'ן יחיד וואס איז וויכטיג אז מ'זאל וויסן ווען מ'נעמט אין באטראכט דעם אויסערגעוועהנליכן שאדן וואס די מחרחרי ריב זייען אן צוליב זייערע קליינליכע אייגננוציגע אינטערעסן.

מיר געפינען זיך אין א גאר שווערן עקאנאמישן מצב. די גאנצע וועלט'ס עקאנאמיע הינקעט אונטער, אין שפיץ פון די מאכטפולע עקאנאמיע פון די פאראייניגטע שטאטן אין אמעריקע. דאס בארירט יעדן איינציגן פון אונז אין טאג טעגליכן לעבן, אבער מער פון אלעם בארירט עס צוויי הויפט פינאנציעלע קוועלער פון וואס דער ווילידזש געניסט אומאויפהערליך: די בענק, און די רעגירונג.

יעדער ביזנעסמאן האט זיך שוין אנגעשטויסן אין די לעצטע 2-3 יאר מיט די אומגעהויערע שוועריקייטן פון באקומען הלואות ביי די שווער באטראפענע בענק. דער צוטרוי פארלוסט און מאנגל אין קרעדיט האט געברענגט די בענק איינצוציען דעם פאסיק ביז דעם שטרענגסטן מינימום, און יעדער הלואה פארלאנג ווערט דורכגעזיפט מיט י"ג נפה, און פאר די מינדסטע קלייניקייט אויף וואס זיי קענען זיך אנכאפן ווערט דער פארלאנג ארויסגעווארפן.

נאטורליך איז דער ווילידזש גארנישט אנדערש.

פון איין זייט האבן בענק טאקע מער צוטרוי צו א ווילידזש אינסטיטוציע, וואס נאך אלעם איז איר עקזיסטענץ מער פארזיכערט ווי סיי וועלכע ביזנעס, אבער פון די אנדערע זייט זענען שטעט און שטעטלעך איבער די לענג און ברייט פון אמעריקע טיף פארזינקען אין עקאנאמישן זומפ. טויזנטער קלענערע שטעטלעך זענען באדראעט צו גיין באנקראט, און אפילו אזוינע ריזיגע שטאטן ווי קאליפארניע און ניו יארק פלאגן זיך מיט זייערע יערליכע בודזשעטן. אין אזא צייט קוקן די בענק נאך מיט גרויס פארזיכטיגקייט יעדע איינציגע שטעטל ווען יענע קומען פארלאנגען אן הלואה - וואס אן די מעגליכקייט ארויסצונעמען באנדס און לאונס פון די בענק קען קיין שום רעגירונג כמעט נישט פונקציאנירן.

מען פארשטייט אליין אז די לאקאלע בענק זענען גארנישט בעסער, און זיי קוקן נאך מיט זיבן אויגן יעדן ריר אין און ארום דעם קרית יואל ווילידזש יעדעס מאל וואס מען בעט פון זיי אונז ארויסצוהעלפן מיט פינאנציעלע הלוואות. פאר זיי איז אזא קלאגע אן אויסגעשטרעקטן שווערד און אן אויפגעהויבענעם האק, אפגעזען פון אירע מינימאלע שאנסן. קיינער זוכט זיך נישט קיין צרות, און אין די היינטיגע דערשראקענע אומזיכערע עקאנאמיע

(פארזעצונג אויף זייט 15)

די שטאט פארמאגט היינט העכער 7,000 קינדערלעך - בלויז מיידלעך אליין - בליעה"ר, און זיי "אלע" וועלן געברויכן דירות אין די קומענדיגע צוואנציג יאר אי"ה. יעדעס יאר האבן חתונה ארום 180 יונגע פארפעלקער קע"ה, און דאס גייט זייער שנעל ארויפגיין צו 200-400 יעדן איינציגן יאר!

יעצט לאמיר הערן, צי איז דא איינער פון די מחרחרי ריב וואס איז גרייט אז אונזערע דרויסנדיגע שכנים זאלן זיין באאויפטראגט זיך צו ספראווען מיט דעם בעפארשטייענדן סוער פראבלעם?! די זעלבע וועלכע קריצן מיט די ציין אויף יעדן שאקל אונזערן, און די זעלבע וועלכע האבן געטאנצן פאר שמחה מיט 20 יאר צוריק אז ס'איז נישטא קיין סוער און ס'איז יא דא א מאראטאריום, נישט רירנדיג קיין פינגער אין קאלט וואסער צו פארעכטן דעם פראבלעם, וויל מען יעצט איבערגעבן פאר זיי אין די הענט זיך אפצוגעבן מיט אונזערע געברויכן?!

פאנטאזיע האט אויך א שיעור!

ווילן די מחרחרי ריב טאקע צוריקגיין צו די דאזיגע צייטן?! זענען זיי גרייט צו וואוינען אין א פלאץ וואו די טאון אינספעקטארס קריכן ארויף מיט לייטערס ארייצוקוקן אין די פענסטער זען צי מ'האט נישט חלילה פארלעצט די שטרענגע זאונינג געזעצן?! זענען זיי באמת דערביי אז מ'זאל 'זיי' אנהייבן ארייצוקריכן אין די קישקעס אויף רעכטס און לינקס, און נאכזוכן אויף יעדע פערטל אינטש וואס זיי טרעטן ארויס פון די פארלאנגטע פלענער?!

און צוריקגעשמועסט, וועמען וועלן זיי אנקלאגן ווען די "טאון" וועט זיי שטערן אין זייערע אומבארעכטיגטע פארלעצונגען פון די זאונינג פארשריפטן קעגן דעם וואוילזיין פון זייערע שכנים?!

וועלן זיי דאן פארלאנגען פון געריכט אז מ'זאל אויפלעזן אמעריקע?!

צח | פרק ד | בנין העיר

לשמי ולזכרי

הרה"ח ר' ישעי' רעטעק ע"ה מספר בזכרונותיו (בהוספות לספר "דברי האגרת"), ונהירנא כד הוינא פ"א אצל כ"ק רבינו זי"ע בעת שהלך לייסד את הישוב קרית יואל, והעזתי לשאול למה הוא צריך לדאגה הזאת, וענה לי בפ"ק בזה"ל: כי כך יחי' שמי גם להבא, כי בלעדי זה ישכח שמי ולא ישאר שום זכר, וכל מי שיעזור לי בזה לעולם לא אשכח לו בעוה"ז, ואף בעוה"ב אם אוכל לעשות לו איזה טובה אעשה לו, ע"כ.

ופ"א אמר רבינו, כל זמן שלא בניתי ישוב מחוץ לעיר לא עשיתי כלום להבטחת הדורות העתידים.

אויסצוג פון ספר רצון צדיק וואו עס ווערט פארציילט איבער א מורא'דיגע מימרא וואס דער רבי זי"ע האט געזאגט אז ווער עס וועט אים העלפן צושטאנד ברענגען דעם שטעטל וועט ער אים קיינמאל נישט פארגעסן אויף דער וועלט און אויך אויף יענע וועלט אויב וועט ער קענען וועט ער אים א טובה טון

עס כאפט א פחד ווי אזוי מענטשן מזרע ישראל פרובירן זיך צו פארמעסטן חרוב צו מאכן דעם רבינ'ס שטעטל אן צו אריינטראכטן איבער די שרעקליכע קאנסעקווענצן דערפון

# ווען מען בּאָרט א לאך אין די אייגענע שיף...

(פארזעצונג פון זייט 14)

איז אזא תירוץ פונקט גענוג צו מאכן פראבלעמען, אויף גענצליך אפצוזאגן דעם פארלאנג, אדער עס ווייניגסטנס גענוג אויף צו העכערן דראסטיש דעם פראצענט וואס די ווילידזש דארף באצאלן אויף די הלואה - וואס קאסט עווענטועל אפ ריזיגע געלטער פאר יעדן איינציגן איינוואוינער, די שטייערצאלער, און/אדער שטעלט עס אפ די מעגליכקייט פאראויסצוגיין ווייטער מיט קריטישע לעבנסוויכטיגע פראיעקטן.

נאך א גרויסער פראבלעם איז דאס באקומען גרענטס פון די פעדעראלע און/אדער ניו יארקער רעגירונגען. איבער די לעצטע 20 יאר האט די שטאט באוויזן צו באקומען ב"ה, מיט די הילף פון איר מאכטפולן בלאק-וואוט, איר בארעכטיגטער טייל פון די אומצאליגע מיליאנען וואס ווערן אויסגעטיילט אין גרענטס פאר לאקאלע מיניציפאליטעטן איבער אמעריקע/ניו יארק. צי ס'איז געווען ביים סוער פלענט; וואסער פייפליין; העלט סענטער; מצילי אש; ביזנעס צענטער; בית השחיטה המהודרת; אשת חיל; סיידוואקס; קלאוזינג קאסטן; ביזנעס גרענטס; ועוד כהנה וכהנה.

היינט גייט אבער אן אנדערע סדרה. די פעדעראלע רעגירונג איז טיף איינגעזינקען אין א 14 טריליאן דאלער'דיגן חוב, און די שטאט ניו יארק מוטשעט זיך מיט אירע אייגענע צענדליגער ביליאנען דאלארן אין חובות און דעפיציטן. יעדער זוכט היינט סיי וואספארא לאך פון אונטער דער ערד זיך צו פטר'ן פון ארויסנעמען א דאלער פון טאש. ס'איז שווער צו שרייבן דעטאלן, וואס מ'גייט היינט דורך ביז מ'קען עפעס ברענגען פאר די חשוב'ע איינוואוינער, אבער ס'איז אויסער יעדן צווייפל אז די דאזיגע אנקלאגע וועט ווערן א שעדליכער וואפן אין די הענט פון יעדן וואס וועט זיך זוכן ארויסצודרייען פון געבן פאר תושבי קרית יואל די קריטישע הילף צו וואס זי איז בארעכטיגט!

מאמענטאל ליגן ביי די ווילידזש אויפ'ן טיש מערערע גראנדיעזע פלענער פאר'ן וואוילזיין און סוקסעס פון "אלע" תושבי קרית יואל, אבער אלע פון די פלענער נעמען אריין די מעגליכקייט עס צו קענען פינאנצירן, צי דורך גרענטס, צי דורך הלוואות און באנדס פון די בענק. מיט אזא קלאגע אויפ'ן

(פארזעצונג אויף זייט 20)

## הסכמת ראשי מאנרא לווילידזש דקרית יואל

כפי הנראה נבהלו ראשי עיר מאנרא לקול צעקתו, וחברי הנהלת קרית יואל המשיכו לצעוק שכל דבריהם הם פרי שנאת ישראל, ועל כל זה נביאכם בבית המשפט לפני השופט בניו יארק ליפמאן חזר בכניעת ראש ועמד לפני העסקנים, והכריז בשפה רפה: **אנא תרגיעו עצמכם בשקט ובמנוחה, הנני מבטיח לכם שתקבלו את הווילידזש (רילעקס דזשענטעלמאַן, יו העוו יאַר ווילידזש)**, רק אל תצעק ! ושאר הפרטים נדבר אח"כ באסיפה הבאה.

דבר זה התרחש באשמורת הבוקר של אותו מוצאי שבת, אחר כמה וכמה שעות של דיונים ושיחות שארכה לילה ארוכה בטענות וויכוחים בהלוך ושוב, ואז כבר האיר השחר שהי' בשעה שש בבוקר, וכל העסקנים היו עייפים מרוב הצעקות והוויכוחים, וכאשר שמעו



מפורש מפי ליפמאן כי מצדם ישימו קץ לכל הקטטות והווילידזש של קרית יואל יקבל בקרוב רשיון החוק, אז אמרו העסקנים לשוב לביתם לנוח קצת.

כשחזרו לקרית יואל הלכו בראשונה לבית רבינו ז"ל למסור לו כל הפרטים, ואמרו לרבינו שכפי הנראה הדברים מתקדמים לטובתינו, והשם יתברך יעזור שבקרוב נוכל לברך על המוגמר, כי כן הבטיחו לנו מנגדנו שהנם מוכנים להכנע לדרשתינו, רבינו נהנה לשמוע את בשורת העסקנים.

בבית רבינו נמצא אז הרבני הישיש ר' משה פאשקעס נ"י מעיר וויען, דודו של ר' משה פריעדמאן נ"י מהנהלת הקריה, וכאשר שמע את בשורת העסקנים, נענה ואמר לרבינו את הפסוק במגילת אסתר, אם מזרע היהודים מרדכי אשר החילות לנפול לפניו וכו', רבינו חייך ורמז באצבעו הקדוש למטה, כמרמז לסיפא דקרא נפול תפול לפניו וכו'.

### ותשועת נפשם מיד שונא

סיפר ר' שלמה מיכל ראזנער ור' משה פריעדמאן נ"י:

הזכרנו לפני רבינו שעדיין צריכין לסייעתא דשמיא מרובים שהדבר יגמר בכי טוב באלה הימים, ושלא יתחרטו על דבריהם, וענה לנו רבינו ז"ל, **הלא ראש חודש היום** (כי אותו היום הי' ר"ח חשון), **ויומא דין מסוגל הוא ובעזהשי"ת יגמר הכל לטובה** (עיין בספה"ק בני יששכר במאמרים לר"ח (מאמר ג' סי' ו', ועיי"ש עוד במאמר ב' סי' ו') שיום ראש חודש מסוגל להשתיק את המקטריגים ועי"כ אומרים ותשועת נפשו מיד שונא).

יצאנו מבית רבינו סמוכים ובטוחים בברכת רבינו ז"ל וידענו בוודאי שהדבר לא ימשך כי אם עוד יום, כיון שכן אמר רבינו



שבר"ח יגמר הכל לטובה, ועי"כ נגשנו לסדר את הפרטים האחרונים שבמהלך הדבר.

התלונה שהוגשה לבית המשפט מצד קרית יואל נגד השכנים במאנרא טרם נתבטלה, והי' צריך להתקיים מושב בית המשפט ביום השלישי, והנאשמים דאגו מאד מזה, לכן ישבו כל יום א' ויום ב' לסדר את הפרטים שיוגמר הכל במהירות בכדי שלא יצטרכו ביום ג' להופיע בבית המשפט, וראינו בחוש שברכת רבינו ז"ל מלוה אותנו, שהכל נוטה לטובתינו.

הפרקליט שלנו "נארמאן ענד העללער" הגיע ביום ב' להגיש את התלונות דיסקרימינישאן, ואחד מהם נשברה רגלו והלך נשען על ב' מקלות (כאשר נשאל האם חושב להופיע לפני השופט במצב כזה כשהוא נשען על המקלות, השיב בדרך צחות שלפעמים צריכים את המקלות לאיים על אדם שלא ישנה בדיבורו בעמדו בבית המשפט ושיאמר את האמת). במשך כל יום ב' היה הדיון שלנו עם הטאון באורך על גודל השטח אשר יכנס אל תוך הווילידזש, ומנגדנו רצו עתה לנקום קצת ולא ליתן לנו מה שבקשנו מהם, אמנם עדיין הי' בידינו לאיים עליהם בכתב האשמה על ההופעה בהקארט, אשר עוד לא ביטלנו, ולכן שינו גם בזה את דעתם, ונתנו לנו כמעט כל אשר שאלנו (חוץ מעבר לצד רוט 17).

ע"כ מדברי ר' שלמה מיכל נ"י ור' משה נ"י.

באמצע היום קרא הפרקליט מארקאוויטש את ר' שלמה מיכל ור' משה ואמר להם למהר ולבוא אצלו במידעלטאון שכפי הנראה "השגתם את מבוקשכם" ואם אתם מסכימים על זה יעלה בידכם להשיג את אשר חפצתם.

ר' משה ור' שלמה מיכל נ"י נסעו למידעלטאון, והפרקליט מארקאוויטש מסר לידם את הכתבים והמסמכים, ואו"ל בהתרגשות:



"דעו לכם רבותי שאירע לכם דברים נפלאים שהם כמעט נגד הטבע, זה הרבה שנים שהנני פרקליט ועוסק בדברים כאלה ואף פעם לא ניסיתי בכגון דא, ואין זה כי אם שכוחו של הרב הקדוש אשר אתם חוסים בצלו מלוה אתכם, ואני יודע עד כמה קשה להשיג ווילידזש נפרד, בפרט במצב שהנכם כאן במאנרא, ולכן כאשר שכרתם אותי להיות הפרקליט מצידכם ידעתי לדבר ברור שלא בניקל יעלה לי הדבר, ולכן בקשתי אתכם שתקחו עוד פרקליטים נוספים (נארמאן ענד העללער) וביחד נטכס עצה איך להשיג דבר זה, וכעת נוראות נפלאתי שכל הדבר מיום שהגשתם את התלונה על הדיסקרימינעשאן עד גמר חתימת הווילידזש שלכם, לא לקח כי אם ד' ימים, אין זה כי אם אצבע אלקים.

הנהלת קרית יואל יצאו ממשרדו של מארקאוויטש, ור' משה הודיע את ר' לייבוש נ"י על ידי הטלעפאן הבשורה טובה, ואמר לו איש בשורה אנכי והנה כי כן כאשר אמר לנו רבינו שבראש חודש יגמר הכל לטובה, כעת עם דמדומי חמה ועדיין יום ראש חודש עכשיו, הנני לבשרו שהכל נגמר על צד היותר טוב, ולכן ישתדל וישים לדרך פעמיו, ובא יבא ברנה למאנרא, כי היום בלילה יחתמו על הקמת הווילידזש הנפרד לקרית יואל. ר' לייבוש נ"י נסע תיכף לקרית יואל, לביתו של רבינו להיות נוכח שם בעת החתימה.

(וכאן המקום להזכיר לטובה שמו של הפרקליט מארקאוויטש שבימים ההם לא הי' אף פרקליט אחד בכל איזור אראנדזש קאונטי שיהי' מוכן ומזומן להסתבך בפרשה זו, כי ידע שזהו נגד דעת העם באיזור זה, והיזקו גדול משכרו, והיחיד שהסכים לזה הי' מארקאוויטש, שעשה מלאכתו באמונה ובמסירות, ועזר להנהלת קרית יואל יותר מכפי מה ששלמו לו, ובאותו פרק נחלה מארקאוויטש במחלה קשה ל"ע, ר' משה ור' שלמה מיכל ור' חיים

**אויסצוגן פון ספר "רצון צדיק" וואו עס ווערט געשילדערט די פעולות נמרצות פון רביה"ק זי"ע און זיינע שלוחים, ובראשם הרה"ח ר' לייביש לעפקאוויטש ז"ל ראה"ק דקהלתינו, צו ראטעווען די שטאט קרית יואל דורך גרינדן דעם ווילידזש, און דער געוואלדיגער קורת רוח פון רבין זי"ע ווען מען האט ענדליך באוויזן צו גרינדן דעם ווילידזש אלס הצלה לדורות פאר זיין לעבנס-ציל אויף דעם עולם**



הערש שהיו צריכין לו ולעצתו, הזכירו אותו בכל עת אצל רבינו ז"ל, ואחר כמה שבועות שהוקם הווילידזש הלך לעולמו).

טרם שנסעו לגמור את העסק נכנסו העסקנים ר' לייבוש נ"י, ואתו עמו ר' שלמה מיכל נ"י ור' משה נ"י ור' חיים הערש נ"י, אל הקודש פנימה לקבל מרבינו ז"ל את ברכתו הק', ומבית רבינו נסעו השליחים מטעם הנהלת קרית יואל לחתום על ביטול התביעה בבית המשפט של דיסקרימינעאשן, ור' לייבוש נ"י הלך למשרד הטאון של מאנרא לחתימת הווילידזש ואתו עמו ר' חיים הערש נ"י, רבינו ישב כל הזמן והמתין על חזרת השליחים שיבשרו לו שנגמר הכל בכי טוב, וכאשר חזרו ר' לייבוש ורח"ה ובשורה טובה בפיהם צהלו פניו הקדושים, ונכנס בחזרה לחדרו.

אחר שנגמר הדבר לטובה פגש פעם אחד מראשי המנגדים של קרית יואל את ר' יצחק שווארץ נ"י, ואמר לו עדיין אתה זוכר את אשר אמרת לי שהנכם בטוחים על כוחו של הרב שבסופו של דבר יצא ממלחמה זו ועטרת נצחון על ראשו, הנה כי כן בדיוק אירע לכם כאן, ואל תשאל אותי איך נעשה הדבר, כי אני בעצמי אינני יודע האיך נהי' כדבר הזה, אבל למעשה לא נפל דבר מדבריך, ואירע לכם דברים שהם נגד דרך הטבע.

### והעיר קרית יואל צהלה ושמחה

למחרת ביום השלישי שמחה וששון ליהודים, ובכל מקום אשר דבר המלך מלכו של עולם מגיע, נתנו שבח והודאה להשי"ת וחלקו בבתי המדרשות ועל הבאסעס של אנ"ש יי"ש ומזונות, ושמחו כולם על הבשורה טובה, שאחרי רוב עמל ויגיעה זכינו שנצלנו מידי המעיקים ונוכל להמשיך בבניית קרית יואל באין מפריע, והעיר קרית יואל צהלה ושמחה.



ביום ד' התקיימה אסיפה כללית של כל תושבי קרית יואל בבית מדרשו שבבית רבינו ז"ל בבעקערטאון, ורבינו ז"ל נכנס גם הוא לאסיפה זו לזמן קצר, ונאמו שם הרה"ח ר' לייבוש נ"י והרה"ח ר' עזריאל נ"י והדגישו בדבריהם את שמחת השעה שמעתה יוכלו להרחיב את גבולי הקדושה בקרית יואל בלי הפרעה מצד השכנים, ורבינו ז"ל נתן את ברכתו שההנהלה וכל התושבים יזכו לכל מילי דמיטב.

### אישור הווילידזש באלבאני

אחר שעברו כמה שבועות נחתם האישור על הווילידזש באלבאני על ידי המזכיר הראשי של מדינת ניו יארק (סעקרעטערי אוו סטעיט) מר. מאריא קאומא (שנעשה בשנים הבאות מושל מדינת ניו יארק), ר' חיים הערש ליימזידער נ"י נסע לאלבאני לקבל את האישור, ומשם הודיע לבית רבינו ז"ל ולר' לייבוש לעפקאוויטש נ"י ולהנהלת הקריה, שהאישור נכתב ונחתם בגושפנקא דמדינת ניו יארק.

לפי החוק צריכין הטאון אוו מאנרא לקבוע ולמנות מזכירים (קלערקס) של הווילידזש החדש, והנהלת קרית יואל כיבדה את אחד מזקני תושבי קרית יואל שהי' מהראשונים שקבע משכנו בקרית יואל, ה"ה הרה"ח ר' מרדכי לייב פריינד ע"ה, להיות הקלערק של קרית יואל, והוא חתם על כל התעודות הרשמיות בקרית יואל בתור מזכירה של הקריה החדשה, ואחר עבור זמן קצר נתמנה המזכיר אשר בפועל ניהל את הקריה ה"ה הרה"ח ר' משה טובי' בראווער נ"י.

הנהלת קרית יואל שכרו פרקליטים שכתבו את חוקי הזאנינג של הקריה החדשה, הפרקליט ארטור שרייער ומר. ישראל רובין מוואשינגטאון פעלו הרבה בזה יחד עם הנהלת הקריה ור' חיים



הערש נ"י, ואז הוצרכו למנות ראש לעיר קרית יואל וחברי הטאון טראסטים.

ובענין זה כדאי להוסיף מה שמספר ר' לייבוש נ"י.

הנני לציין שבשנת תשל"ז כשנתאשרה העיר "קרית יואל" מטעם הממשלה באלבאני, הי' לנו סייעתא דשמיא והממשלה אישרה לנו שלשה דברים שבדרך הטבע לא היינו משיגים, ואך ברכת רבינו הקדוש זי"ע היא שעמדה לנו שנשאנו חן וחסד בעיני העמים והשרים ואישרו לנו את בקשתנו.

א') היא העיר קרית יואל כאשר ספרנו באורך.

ב') ענין הדירות (קעלעמענטי) בעיר וויליאמסבורג, שבעת שבנו את הבעדפארד גארדענס בוויליאמסבורג באו ראשי הקהילות בוויליאמסבורג עם ראשי העיר ניו יארק לידי הסכם שאת הדירות בבעדפארד גארדענס יתנו רובם ליהודים, ובשכר זאת בעת שיבנו את דירות הקעלעמענטי יתנו את רוב הדירות לכתות שונות של אינם יהודים, כשהגיע הזמן ובנו את הקעלעמענטי ראה ראינו שרצו להכניס שם כתות שונות מהגרועים שבאומות, ופנינו אל ראשי העיר שאם יכנסו כתות אלו לגור בהדירות אז יהי' זה הירוס העיר וויליאמסבורג, ואף שבדרך הטבע לא יכלנו לפעול מאומה כי כן הוסכם בתחילה, אמנם בחסדי ד' פעלנו אצל הממשלה בניו יארק שיתנו את מרבית הדירות לאחב"י.

וג') הוא המוסד "רב טוב" שיסד רבינו ז"ל, בשעה שממשלת רוסלאנד נתנה רשות לרבים מאחב"י לצאת מגבולותיה והגיעו הרבה פליטים לארה"ב בעירום ובחוסר כל, ואז היו הציונים הבעלים היחידים על כל פליטי אחב"י שיצאו מתחת מסך הברזל שהי' להם אישור מממשלת ארצה"ב לזה, והממשלה לא נתנה אף פעם אישור נוסף לשום חבורה, ובאמת כבר ניסו כמ"פ הרבה

# א בליק איבער די אקטיוויטעטן אין דעם הייליגן מוסד "שערי חמלה"



לכבוד דעם יו"ט שבועות האבן די קינדערלעך געמאכט און קאלירט א הערליכן בלומען בילד



די קינדערלעך זענען ארויסגעפארן שעפן פרישע לופט נעבן דעם וואסער

## מסיבת ברוכים הבאים ומסיבת הכרת הטוב וצאתכם לשלום

אין ליכט פון דעם וואס שערי חמלה האט אויפגענומען א נייעם פרינציפעל מו"ה לייבוש האלפערין הי"ו פון מאנסי נאכדעם וואס די לאנגיעריגע פרינציפעל מרת גארטענבערג האט רעטייערט פון סקול, איז אין די פארגאנגענע וואכן פארגעקומען א מסיבת ברוכים הבאים פאר דעם משמר הנכנס און א מסיבת צאתכם לשלום פאר דעם משמר היוצא וואו עס האבן זיך באטייליגט די איינגעשטעלטע אין שערי חמלה



דער סופעראינטענדענט פונעם סקול ר' יודא מאיר פעטלין הי"ו אדרעסירט דעם מסיבה



הרה"ח ר' אברהם ווידער שליט"א טרעט אויף אין נאמען פון דעם סקול דיסטריקט באארד



הרה"ח ר' חיים ידידי' פישער שליט"א מנהל שערי חמלה ביי זיין דרשה



א רירנדע דרשה איז געהערט געווארן דורך איינע פון די ספעציעלע בחורימ'לעך פון שערי חמלה

# א בליק איבער די אקטיוויטעטן אין דעם הייליגן מוסד "שערי חמלה"

אין די פארגאנגענע וואכן איז פארגעקומען א רירנדע "גראדועישאן" מסיבה פאר 3 ספעציעלע בחורים פון שערי חמלה וועלכע האבן גראדואירט פון סקול נאך לאנגע יארן וואס זיי זענען געשטיגן און אנטוויקלט געווארן אויף די העכסטע שטאפלען צווישן די ווענט פון שערי חמלה




דער נייער פרינציפעל מו"ה לייבוש האלפערין הי"ו
פון מאנסי באגריסט די בחורימ'לעך



דער סופעראינטענדענט פונעם סקול ר' יודא מאיר פעטלין הי"ו
טיילט צו אן אויסצייכענונג פאר די בחורים

## תלמידי שערי חמלה אויף א באזוך אין דעם "תורה מוזעאם"

די תלמידי שערי חמלה זענען אין די פארגאנגענע טעג געפארן אויף א ספעציעלן אינטערסאנטן אויספלו
ג צום בארימטן "תורה מוזעאם" וואו זיי האבן הנאה געהאט צו זען פיל אינטערסאנטע זאכן



דער ליאזנער רבי פון בארא פארק וועלכער פירט אן דעם תורה מוזעאם ציינט
פאר די קינדערלעך פארשידענע חיות וואס ווערן דערמאנט אין דברי חז"ל



די קינדער באטראכטן די פארשידענע כשר'ע
הערשן מיט זייערע פארשידנארטיגע הערנער



דער מלמד הרה"ח ר' חיים הערש ווייס שליט"א
בלאזט מיט א שופר פון א הערש



די קינדער האבן באטראכט מיט וואונדער פארשידענע אלטע
היסטארישע ערדענע כלים פון טויזנטער יאר צוריק

KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT

48 Bakertown Road Suite 401 • Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

# חשוב׳ע איינוואוינער פון קרית יואל!

## מיר ווילן נאכאמאל אויפמערקזאם מאכן דעם חשוב׳ן ציבור

## אז אריבערפארן א סקול באס ווען די לייטס בלינקען איז אומלעגאל!

# דאס איז א שרעקליכע סכנה ה״י

און מען קען פארלירן די לייסענס פאר׳ן פארלעצן דאס געזעץ.

**For thousands of Kiryas Joel children בליעה״ר, the school day begins and ends with a trip on a school bus. The greatest risk is not riding the bus, but approaching or leaving the bus. it is essential that adults and children know traffic safety rules.**

## Remember!

- **Yellow flashing lights** indicate that the bus is preparing to stop to load or unload children. Motorists should slow down and prepare to stop their vehicles.

- **Red flashing lights and extended stop arms** indicate that the bus has stopped, and that children are getting on or off. Motorists must stop their cars and wait until the red lights stop flashing, the extended stop sign is withdrawn, and the bus begins moving before they can start driving again.

**Passing school buses when the bus has flashing lights is dangerous and illegal!**




מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע

די טראנספארטאציע דעפארטמענט



# אויסטערלישער חילול שם שמים ר"ל פון שרעקליכע מסירה
# אריינגעגעבן אין פעדעראלן געריכט אויפצולעזן דעם ווילידזש

(פארזעצונג פון זייט 13)

ישיבה וועט זיך נישט קענען עפענען און דערפאר האט ער פארארבעט מעשים אז עס זאל זיך יא קענען עפענען צייטליך צום אנהייב זמן.

באמת א חוצפה. א מעיאר וואס זארגט זיך פאר די איינוואוינער... זיי זענען אודאי גרייט זיך צו פארפליכטן צו זארגן אז די ישיבה זאל בלייבן אפגעשפארט אויף א גאנץ יאר...

אויך קלאגן זיי אז דער ווילידזש "זוכט נישט צו שטארק" צו טרעפן ווייאלעישאנס ביי מקוואות און בתי מדרשים! לויט זיי שיינט אז דער ווילידזש וואלט געדארפט רודפ'ן אלע איינוואוינער, אקוראט ווי די שכינות'דיגע טאון'ס און ווילידזשעס - צו וועם זיי בעטן זיך אזוי שטארק צוריקצוגיין - וואלטן געטון, און יא "שטארק זוכן" ווייאלעישאנס ביי מקוואות און בתי מדרשים... דערנאך וואלטן זיי נאך געקענט לויפן מיט איין שמחה צו זייער באליבטן געריכט אנקלאגן אז דער ווילידזש רודפ'ט זיי...

## וואסער- גארבידזש בילינג

זיי קלאגן אויך אז פארשידענע מענטשן זענען מעגליך נישט געהעריג געבילט געווארן פאר וואסער און גארבעדזש, און דער געריכט וואלט געברויכט איבערקוקן דעם גאנצן פראצעדור, און אריינקוקן אין יעדע משפחה'ס פינאנציעלע חשבונות.

געווג געזאגט!

## מסירה קעגן "שערי חמלה"

זיי שטעלן זיך נישט אפ ביים ווילידזש און זיי לאזן אויך נישט ארויס "שערי חמלה" - מסתמא אויך דערפאר וואס "שערי חמלה" האט זיי געטשעפעט.

נאכדעם וואס דער סקול דיסטריקט האט זיך געמוזט פארברייטערן צו קענען נאכקומען פארשידענע וויכטיגע סערוויסעס, און די היינטיגע מעגליכקייט צו פארשידענע נייע טעראפי וואס איז מיט א 10-15 יאר צוריק נאכנישט געווען, און א וואוקס אין צאל פון נישט געזונטע קינדער ל"ע, האט מען אפגעדינגען די נייע גרויסע געביידע וואס איז אויפגעבויעט געווארן דורך די הנהלת הקריה, און יעצט קלאגן די מוסרים אז דער סקול דיסטריקט וואלט ליבערשט געדארפט אליינס אויפבויען א בנין ווי איידער צו דינגען פון א צווייטן.

זיי פארהוילן זיך פון דעם פאקט אז צו בויען א נייעם סקול דיסטריקט געביידע, און אויסגעשטאט מיט אלע נויטיגע מכשירים און קאסטבארע איינריכטונגען פאר'ן וואוילזיין פון די טייערע שערי חמלה קינדער וואס זענען אנגעוויזן דערויף, וואלט אריינגעצויגן אין פיל גרעסערע אויסגאבן פון צענדליגער מיליאנען דאלארן, וואס די אלגעמיינע יערליכע סקול בודזשעט קען זיך בשום אופן נישט ערלויבן נאר אויב מען וואלט ארויסגענומען פון באנק א באנד פון מיליאנען דאלארן, און וויבאלד דער סקול דיסטריקט וואלט געדארפט צאלן זייער הויכע פראצענטן. וואלט דאס געצווינגען דראסטיש צו העכערן די סקול שטייערן, וואס וואלט געפאלן צו לאסט אויף די שטייערצאלער.

אבער די מוסרים מיט זייער לאנגע היסטאריע פון רשעות פאר די באטראפענע משפחות וואס פארמאגן ספעציעלע קינדער, אריינגערעכנט צווישן די אייגענע רייען, פרייען זיך אז זיי האבן שוין ווידעראמאל געטראפן עפעס צו מסר'ן קעגן שערי חמלה, טראץ וואס דאס האט ניטאמאל קיין לאגישן שייכות צו זייער עצם קלאגע.

## שוידערליכע מסירה קעגן מסירות נפש'דיגע "הצלה"

דערנאך קומען זיי מיט פארשידענע בלבולים כאילו דער ווילידזש מיט הצלה זאלן ווען האבן געהאלטן פארכאפט א נפטר לאנגע שעה'ן און נישט געוואלט ארויסגעבן פאר די משפחה. ס'איז נישט דא דער ארט איבערצוקייען נאכאמאל די פארווייטאגטע פרשה ווען געוויסע מענטשן האבן אויסגענוצט זייער אייגענע משפחה טראגעדיע ל"ע פאר ענגע פאליטישע אינטערעסן, און ווי לאנג די משפחה איז געווען גרייט איבערצונעמען דעם נפטר שפעט נאכמיטאג נאכדעם וואס זיי זענען געווען פארנומען א גאנצן טאג צו מקדש זיין א נייעם בית החיים אין טאון אוו מאנרא צוליב זייער אנטזאגן זיך פון שטעלן צו דין תורה, האט די הצלה אויסגעוואַרט און געהאלטן דעם נפטר אין א קילן אמבולאנס. איז אנשטאט צו זיין דאנקבאר פאר די הצלה, גייען זיי נאך מסר'ן מיט שענדליכע בלבולים.

און ווידער דאס זעלבע. פארוואס קאכן זיי א קאשע? וואס האט די מסירות נפש'דיגע "חברה הצלה" א שייכות מיט'ן עקזיסטענץ פונעם ווילידזש? [אויסער דעם פאקט אז דער ווילידזש שטייט א גאנץ יאר צו די רעכטע האנט פון "חברה הצלה" מיט א געוואלדיגער געטריישאפט. אבער דאס איז שוין א זייטיגע כוואליע אינעם ים פון רשעות וואס זיי האבן אויסגעגאסן אויף די הייליגע שטאט].

## שטויסן אין אלע זייטן

דאס פלאץ איז צו באגרעניצט אויף צו קענען אויסרעכענען אלע מסירות וואס זענען אויסגערעכנט אין די 59 זייטן פון די קלאגע, דער סך הכל איז אז זיי באשולדיגן דעם ווילידזש אין צענדליגער קלאגעס מיט אויסגעטראכטע בלבולים, און דעריבער פארלאנגען זיי פונעם געריכט אז אין ליכט פון די אלע חטאים וואס דער ווילידזש איז באגאנגען זאל מען נישט מער און נישט ווייניגער ווי גענצליך אויפלעזן דעם ווילידזש!

מיט'ן פולן באוואוסטזיין אז זיי האבן שוואכע שאנסן אז דער געריכט זאל זיי דאס נאכגעבן, שלאגן זיי פאר א גאנצע רייע פון אנדערע גזירות רעות וואס דער געריכט זאל איינשטעלן אין קרית יואל. אויבנאויף קען עס אפשר אויסקוקן ווי מינדערוויכטיג, אבער פאקטיש עפענט עס א טיר פאר אונזערע דרויסנדיגע פיינט אריינצושטעקן א פיס אין די טיר וואס די מוסרים עפענען אזוי ברייט און לאדענען זיי איין בכבוד גדול. ווען מ'טראכט אריין אביסל וואס קען פאסירן אויב זאל נאר זייערע טיילווייזע פארלאנגען ווערן נאכגעגעבן, שטעלט זיך אויף די האר פון קאפ.

גלייכצייטיג וועט אויך יעדער איינציגער תושב קרית יואל דארפן באצאלן פון זיין אייגענעם טאש אין פאל דער געריכט באפעלט זיי צו באצאלן א גרויסן געלט קנס.

שוין אפגעזען פונעם פאקט אז אפילו די מוסרים זאלן ממש גארנישט באקומען, און זיי זאלן ליידן א טאטאלן און קאמפלעטן דורכפאל - בעזר שמו יתברך ובכוחו של אותו זקן, מייסד הקרי', מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע וממשיך דרכו מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע - וועט דער שפיל נאך אלץ אפקאסטן ממון ודמים פאר 'אלע' תושבי קרית יואל, סיי מיט די הויכע קאסטן וואס דער ווילידזש איז געצווינגען צו צאלן אויף אויפצונעמען די סאמע בעסטע אדוואקאטן וואס מעגליך, צו ראטעווען מעשי ידיו פון רביה"ק זי"ע, און סיי מיט זייטיגע פינאנציעלע הוצאות וואס דאס וועט אפקאסטן פאר'ן ווילידזש, ווי ערקלערט אין א באזונדערן ארטיקל.

## לאדענען איין דעם גוי עמי בבית!

צווישן די שריט וואס זיי זענען באגאנגען אין די קלאגע איז דער פארלאנג אז דאס געריכט זאל אריינשטעלן אירע אייגענע מענטשן צו אויפזיכטן אז מ'זאל 'חלילה' נישט 'דיסקרימינירן' קעגן די אומשולדיגע מוסרים. ס'זענען שוין געווען געשיכטעס אין אמעריקע ווען א געריכט האט אריינגעשטעלט א "רעסיווער" אין די פירערשאפט פון א לאקאלע מוניציפאליטעט, אבער מ'קען זיך גארנישט פארשטעלן וואספארא צרות און פראבלעמען דאס האט אנגעמאכט פאר די ארטיגע איינוואוינער.

נאך אלעם איז דאך דער רעסיווער דא זיכער צו מאכן אז די ווילידזש פירערשאפט פירט ערליך אויס איר פליכט, און ביי אים איז נישטא קיין חכמות, אלעס מוז שטימען "מיט די בוק". נישט אז אונטער די ווילידזש פירערשאפט קען מען יא מאכן קונצן, ס'איז קלאר אז דער ווילידזש איז פארפליכטעט צו שטיין פולקאם אויף יעדן ריר פונעם געזעץ, און די געטרייע חברי הנהלת הווילידזש טוען טאקע אקוראט דאס. אבער ס'איז קיינמאל נישט קיין פארגלייך ווען עס זיצט אויפ'ן בענקל א היימישער איד וועלכער קען דעם ציבור און פארשטייט זיינע געברויכן, צו די מינוט וואס די לייצעס פאלן אריין אין די הענט פון א הארטן רעגירונג'ס ביוראקראט מיט א גוי'איש הארץ, וועלכער האט נישט דאס מינדסטע אַנונג אינעם הלוך ילך פון ערליכן אידישן לעבנסשטייגער (פרובירט נאר דאן צו מאכן באזונדערע פרויען אריינגענג ביי די וואלן, אדער עפענען א בוטשער צי אנדערע געשעפטן אין א רעזידענשעל געביידע, פאר עטליכע קליינע ביישפילן...).

דאס אלעס איז שוין אויסער דעם פאקט אז ווי לאנג די קלאגע שלעפט זיך אין די געריכטן ברענגט עס אומגעהויערן שאדן פאר קרית יואל און פארשווערט די מעגליכקייטן צו שאפן פינאנציעלע קוועלער, פון די רעגירונג אדער די בענק, פאר אומצאליגע וויכטיגע פראיעקטן וועלכע ליגן ביים ווילידזש אויפ'ן טיש, וועלכע קען ברענגען אין רעזולטאט טיילווייז אפצוהאלטן און פארשלעפן זאכן מיט יארן, און גלייכצייטיג ארויפשרויפן די קאסטן פאר אלע שטייערצאלער מיט גרויסע סומעס, ווי ברייטער אויסגעשמועסט אויף אן אנדער ארט אין די היינטיגע "הקריה".

תלמידי וחסידי סאטמאר בכלל און תושבי קרית יואל בפרט זענען אין די טעג מרבה בתפלה צו הקב"ה דער כל יכול אז זייערע בייזוויליגע פלענער זאלן טאטאל צושטערט ווערן ולא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים, נישט מיט די עצם מסירה און נישט מיט די קלענערע פראבלעמען וואס שטייען אויס פאר תושבי קרית יואל אין רעזולטאט פון דעם רשעות'דיגן אקט. וכל הרשעה כולה כעשן תכלה, בב"א.

VILLAGE OF KIRYAS JOEL
Municipal Building
51 Forest Road, P.O. Box 566, Monroe, NY 10949-0566
Tel: (845) 783-8300
Fax: (845) 783-9491 • TDD (800) 662-1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

June 14, 2011

Press Release
The Village Will Defend the Rights of the People

The Village of Kiryas Joel is a thriving community of over 21,000 souls located in Orange County, New York. The Village is an acknowledged leader in providing municipal services for all its residents on a universal, non-discriminatory basis. The democratically-elected Village government of Kiryas Joel, which operates pursuant to the laws of the State of New York, has achieved a remarkable success in building a public services infrastructure to serve its residents and benefit the community. Using smart-growth, environmentally-friendly principles to provide public services, the Village has constructed and operates substantial water supply and wastewater disposal systems for all its residents. Pedestrian-friendly streets and walkways, municipal mass transit and park and ride commuter facilities help reduce the pollution provided by automobile-dominated suburban lifestyles.

The full-service Village government provides fire protection, ambulance, and public safety services for all its residents and the larger community. The Village operates a department of public works, a sanitation collection service, and social services as well as planning, zoning, and building codes services.

The services-oriented policies of the elected government have benefitted all residents of the Village and indeed have benefitted the greater community. The services-oriented policies of the Village have received strong support from an electorate which cherishes its constitutionally-guaranteed right to elect its leaders and right to be self-governing in accordance with law.

The Village has been advised that a small group of discontented persons who sponsor a political group which has been unable to achieve sufficient support for its views at the polls has now filed a lawsuit attempting to divest the people of the Village of Kiryas Joel of the right to democratically elect its own government and attempting to undo the substantial achievements of the elected government in providing services that benefit all of the Village's residents. The discontents filed a similar lawsuit some dozen years ago. That lawsuit was dismissed and the rejection upheld by the federal Second Circuit Court of Appeals.

The Village believes that there is no merit in the new lawsuit, which appears to attempt to re-litigate matters which have been previously rejected in both federal and state court when pursued by these discontents. The Village will vigorously defend the constitutional rights of self government, free elections and the right of all people to participate in government. The Village will continue to provide services for all its residents without discrimination and looks forward to partnering with the State of New York to defend the rights of people everywhere to be self governing and to elect their own leaders.

פרעס רעליס פונעם ווילידזש אפצעווארפן די לעכערליכע קלאגעס פון די מוסרים

# װען מען באָרט א לאך אין די אייגענע שיף...

(פארזעצונג פון זייט 15)

רוקן ווערט אויטאמאטיש פילפאכיג פארשווערט דער ווייטערדיגער פארשריט פון די שטאט, און דעם פרייז צאלט יעדער איינציגער פון די נאנט צו 4,000 משפחות כ"י.

ודי בזה.

עס איז זעלבסטפארשטענדליך אז די געטרייע ווילידזש באאמטע ווערן נישט אזוי שנעל דערשראקן פון אויספירן זייער ארבעט מיט מסירות נפש, טראץ אלע שוועריקייטן. דער וואסער פייפליין מוז ווייטער געבויט ווערן פאר יעדן פרייז; קרית יואל'ער מאמעס מוזן האבן געהעריגע סיידוואקס וואו צו גיין מיט זייערע קינדערלעך; די גאסן מוזן אויסגעברייטערט ווערן; דער אזוי-וויכטיגער קינדער פּאַרק מוז פארענדיגט ווערן; און דאס זעלבע איז מיט די אומצאליגע וויכטיגע און וויכטיגערע פראיעקטן וועלכע ליגן אויפ'ן טיש. אז עס וועט אנקומען שווערער וועט מען העכסטנס זיך אונטערמורמלען "לפום צערא אגרא", און אנגיין ווייטער מיט די לעבנסוויכטיגע פראיעקטן.

אבער דעם פרייז פאר די שענדליכע אקטן פון די מחרחרי ריב וועט באצאלן יעדער איינציגער תושב קרית יואל, אריינגערעכנט די אנקלעגער זעלבסט!

שוין אויסער דעם וואס אפילו אויב "נאר" די אנדערע פארלאנגען וואס די אנקלעגער האבן אריינגעגעבן אין געריכט ווערן נאכגעגעבן וועט דאס ברענגען אומגעהויערע ליידן פאר תושבי קרית יואל. לויט זייער פארלאנג וואס קען אריינברענגען דרויסנדיגע רעסיוועורס און אבזערווירער אינעווייניג אין די קושקעס פון שטעטל, וואס לויט ווי היסטאריע באווייזט האבן אזוינע רעסיוועורס אלעמאל אויסגעטיילט צרות צרורות פאר יעדן איינוואוינער. יעדער ווערט פארדעכטיגט על לא עוול בכפו, און ס'איז ניטאמאל מעגליך צו שילדערן אויפ'ן פאפיר וואס "גאנץ" קרית יואל קען אלץ אויסשטיין אויב דער פארלאנג פון די גרופע מוסרים ומחללי שם שמים ווערט באשטעטיגט. הי' לא תהי'.

דאס זעלבע מיט זייער פארלאנג צו 'באשטראפן' דעם ווילידזש מיט ריזיגע קנסות, עפעס וואס וועט פאלן צו לאסט אויף יעדן איינציגן תושב קרית יואל, און אויסער אנשטאפן די טאשן פון

קעה

## לעיני הגויים גילה צדקתו

סיפר הרה"ח ר' עוריאל המשב"ק נ"י, כשבאו הנהלת קרית יואל ר' שלמה מיכל ור' משה נ"י להזכיר לפני רבינו ז"ל שהשכנים במאנראו מצירים לקרית יואל, וכמעט שאין רואים מבוא בדרך הטבע להנצל מלחיצותיהם, נענה רבינו ואמר הנה לדעתי כל הקריה היא מעשי ניסים, יע"כ תוכלו לסמוך על הנס, ואם תקשה לך הלא אמרו ז"ל אסור ליהנות ממעשי ניסים, כבר פסק הישועות יעקב מי ששכח לומר על הניסים יאמר הרחמן הוא יעשה לנו ניסים, ולכאורה האיך יכולין לבקש על הניסים הלא אסור ליהנות ממעשי ניסים ומנכין לו מזכיותיו וביאר הישועות יעקב דבמקום שיש קידוש השם אדרבה מוסיפין לו על זכיותיו, (רבינו ז"ל האריך בענין זה בחידושי"ת לחנוכה ונדפס בספר דברי יואל לחנוכה), וכמו כן בנידון דידן סיים רבינו ז"ל שיצמח מזה קידוש השם גדול, ולכן יוכלו לסמוך על הנס.

(רבינו פי' פעם בזה מאמר הכתוב שירו לד' וכו' כי נפלאות עשה ולכאורה איך נשיר את שיר ד' כי נפלאות עשה הלא מנכין לו מזכיותיו אבל יען שלעיני הגויים גילה צדקתו שנתפרסם ונתקדש שמו בעולם אז אין נכיון זכיות ואדרבה ניתוספו לנו זכיותנו).

### ברכת רבינו ז"ל

מתקופה זו מספר ר' שלמה מיכל ראזנער נ"י ואלה דבריו:

בצר לנו נכנסנו בליל שבת קודש אל הקודש פנימה לרבינו ז"ל להזכיר לו כל עקולי' ופשורי' אשר לפנינו, ובקשנו שרבינו הק' בכח תפלתו הק' יערה רוח ממרום לחונן אותנו בעצה טובה בדת מה לעשות, ובתוך דברינו הזכרנו שמו של ערל אחד מעיר מאנרא שהוא המיצר לישראל יותר מהשאר, ואחד מהעסקנים הרהיב עוז בנפשו ואמר שרבינו יברך אותנו שהערל הזה תפח

געצייליטע געלט-פרעסער וועט קיינער דערפון גארנישט פארדינען, ווי היסטאריע האט שוין געוויזן, וד"ל.

## די שאדנ'ס פאר יעדן חרדיי'שן איד

די דריטע שרעקליכע תוצאה פון די שענדליכע קלאגע איז דער נאסער ליילעך וואס דאס ווארפט ארויף אויף יעדן איינציגן שומר תורה ומצוות, אריינגערעכנט די אנקלעגער. אין די אויגן פונעם גוי זענען אלע אידן מיט בארד און פיאות איינִיג, און ער קוקט נישט נאך וואו מען האט געקויפט דעם שטריימל און וועלכען נוסח ער דאווענט.

דער פאקט האט געוויזן אינעם עבר ווען די זעלבע מוסרים זענען געגאנגען העצן קעגן קרית יואל אין די גוי'אישע פרעסע אז דאס

קעו

פרק ו / והיה ראשיתך מצער

רוחו, ובלשוננו "זאל ער גיין אין דער ערד אריין", כי בדרך הטבע אין לנו עצה אחרת.

אחד מאנשי ביתו של רבינו נענה ואמר לרבינו שידוע שאצל צדיקים לא הי' העברת גוי מן העולם מן הדברים הקשים. וכן ראינו סמוך לזמנינו כי להה"ק ר' ישעי' מקרעסטיר זי"ע היה זה מילתא זוטרתא להעביר ערל מן העולם, ולכן בוודאי גם בכחו של רבינו עכשיו לפעול דבר כזה לצורך קרית יואל, ואחד מבאי ביתו של רבינו נענה אז בדרך צחות, הרי מקרא מלא דיבר הכתוב "ספוני טמוני חול" כלומר שהערל אשר שמו דומה למלת ספוני צריך להיות קבור באדמה, וצחוק קל עבר על שפתי רבינו ז"ל.

רבינו האזין לדברינו באוזן קשבת, וענה לנו בדרך צחות בל"ק "אני אינני יכול לעשות כדבר הזה... **אכן אני יכול להתפלל ולברך אתכם שכל הדברים יסודרו באופן הכי טוב, והכל על מקומו יבוא בשלום. ואין לכם לדאוג כלל**".

כשיצאנו מהיכל רבינו ז"ל הרגשנו שפעלנו הישועה, בראותינו שרבינו ז"ל ישב כל הזמן בבדיחות הדעת, ומאור פניו מאיר משמחה וצהלה, ולא נרתע כלל מהצרה הזה, ואדרבה הי' ניכר על פניו הק' שאין צריכין כאן לניסים שלא בדרך הטבע לחולל פלאות, אלא שגם בדרך הטבע יעזור לנו השי"ת, ובהיותנו בטוחים וסמוכים בכוחו של אותו זקן נגשנו לסדר את הענינים.

ע"כ מדברי של ר' שלמה מיכל.

### עצה ומזימה

סיפר ר' משה פריעדמאן נ"י וז"ל:

הדבר הראשון שהי' נחוץ לנו לדעת היה מבואם ומוצאם של חברי ראשי העיר של מאנרא, שנדע ידיעה ברורה מכל אשר בדעתם לעשות בנוגע לענין זה, שכרנו פרקלים אחד שהי' רגיל

האט בשעתו געברענגט אומבאגרייפבארן שאדן פאר אידישע קינדער איבער גאנץ אמעריקע, בלי שום גוזמא! מ'האט צוריקגעהערט געשיכטעס פון ערליכע אידן איבער די לענג און ברייט פון די פאראייניגטע שטאטן וועמען גויים האבן פארגעווארפן היתכן מ'טוט אזוינע 'שענדליכע' אקטן אין די חרדי'שע קרית יואל!

***

מיר האפן אז די אנקלעגער וועלן זיך באצייטנס בארעכענען און אנערקענען וויפיל אומגעהויערן שאדן זייערע אקציעס ברענגען פאר גאנץ קרית יואל. אפגעזען צי עס הערשט חילוקי דיעות צווישן די איינוואוינער פון די שטאט אין אינערליכע אנגעלעגנהייטן, געט עס נישט די מינדסטע בארעכטיגונג צו פרובירן לכבוד די אייגענע תאות הנצחון איינצוזינקען, אדער אפילו נאר שעדיגן, די גאנצע שיף אויף וואס מיר אלע געפינען זיך.

THE WALL STREET JOURNAL.
WSJ.com

JUNE 13, 2011, 6:45 P.M. ET

## Dissident Jews say enclave in NY oppresses them

Associated Press

WHITE PLAINS, N.Y. — Dissidents in a Hasidic Jewish enclave in upstate New York demanded Monday that the village be dissolved on the grounds that its existence violates religious freedom.

In a lawsuit filed in federal court, the dissidents say the majority congregation has taken over village government in Kiryas Joel and selectively enforces tax, zoning, election and other laws to oppress them.

"Due to this inherent and unavoidable entanglement between religion and government, the village has engaged, and continues to engage, in religious discrimination," the lawsuit said.

Kiryas Joel's attorney, Donald Nichol, denied any infringement of religious rights.

"These people have been allowed to exercise their religious freedom even beyond the village statutes," he said.

Kiryas Joel was incorporated in 1977 by members of the Satmar Hasidic sect from Brooklyn. Few if any others live there. A village of large families, it is one of the fastest-growing places in the state, with a population of 23,000.

It also is listed as among the poorest places in the country and is heavily dependent on food stamps, Medicaid and federal housing vouchers. But it has little of the street crime or drug problems that other poor communities have.

The lawsuit says many of the dissidents — nine are named as plaintiffs — follow the teachings not of the grand rebbe, Aron Teitelbaum, but his brother Zalman Teitelbaum, who leads a Satmar group in Brooklyn. It says the dissidents comprise about 40 percent of the village population.

The lawsuit says the dissidents recently established a wedding hall outside the village where couples could be married by rabbis not sanctioned by the grand rebbe. Village officials then told the majority congregation to excommunicate the newlyweds, the lawsuit says. It says religious leaders also incited violence against the couples with "hateful" leaflets and loudspeaker announcements.

The lawsuit also says the village gives tax-exempt status to the main congregation but not the dissidents, disregards its own zoning law to advance the main congregation's activities and assesses sanitation fees against dissident organizations even when they use outside garbage companies.

It also alleges voting fraud, including intimidation of voters and busing in non-residents to vote.

The lawsuit asks that the village be dissolved, or that religious leaders not be permitted to hold government office for 25 years.

Nichol, the village attorney, said that proposed remedy would itself be religious discrimination.

"It would be like saying a Catholic can't be president," he said.

1 (

The lawsuit names as defendants the village, the main congregation and several village officials.

**שם שמים איז נתחלל געווארן באופן נורא ר"ל ווען מיליאנען גוים ליינען וויאזוי אידן באשמיצען די שטאט קרית יואל - דער ארטיקל אינעם וואל סטריט דזשורנאל איז איינס דערפון**

# ענדגילטיגע פּראָפּערטי שאצונגען פון יאר 2011 למספ' ארויסגעגעבן דורכ'ן "מאנרא טאון אַסעסאָר"

(פארזעצונג פון זייט 6)

יאר ביז מען וועט פארענדיגן גענצליך אפצושאצן אלע הייזער אין קרית יואל.

די הייזער ווערן איינגעטיילט אין דריי קאטעגאריעס. 1) פריוואטע הייזער, וואס פארמאגן פון 1 ביז דריי פאמיליעס. 2) אפארטמענט הייזער, דאס זענען גרעסערע הייזער מיט מער אפארטמענטס פון 4 דירות און העכער. 3) קאָנדאָמיניומס, דאס זענען גרעסערע דעוועלאפמענטס פון מערערע הייזער וואו דער דירה זעלבסט געהערט פאר'ן היים אייגענטומער, אבער די פּראַפּערטי ארום דעם הויז ווי אויך די קאמאן עריע אין דעם הויז געהערט בשותפות פאר אלע איינוואוינער אין די קאָנדאָמיניום.

אין די ביז יעצטיגע שאצונגען זענען בעיקר פארענדיגט געווארן די שאצונגען אויף די קאָנדאָמיניום הייזער וואו עס איז געווען דאס גרינגסטע פאר'ן אַסעסאָר אפצושאצן די פּראַפּערטיס, די גרויסקייט און באנוץ, אנדערש ווי ביי די פריוואטע הייזער אדער אפארטמענט הייזער וואס זענען נישט קיין קאָנדאָמיניום, האט זיך געקענט גרינגער מאכן במשך די יארן אז מענטשן האבן געמאכט פארשידענע ענדערונגען ווי צובויען אדער אויפפיקסן בעיסמענטס, און די קאונטי אדער טאון האבן נישט געוואוסט דערפון און דערפאר זענען די דירות נישט טאקסירט געווארן געהעריג.

דעריבער זענען נאך פארבליבן א גרויסע טייל פון די אנדערע הייזער אין קרית יואל וואס זענען נאכנישט פארענדיגט געווארן צו ווערן אפגעשאצט דורכ'ן טאון אַסעסאָר, און זיי זענען נאר אפגעשאצט געווארן פון אינדרויסן וויפיל שטאק די געביידע פארמאגט און די גרויסקייט פון די פּראַפּערטי, אבער לויט ווי דער טאון אַסעסאָר זאגט וועט נאך זיין שטאב דארפן פארענדיגן אפצושאצן דעם ווערד פון די דירה לויט די צאל שטיבער, און לויט די קאנדישאן פון די דירה, און לויט דעם באנוץ פון די בעיסמענטס וכדומה.

אבער אויך ביי די קאָנדאָמיניום הייזער זאגט דער טאון אַסעסאָר אז ער האט נאך נישט אינגאנצן פארענדיגט די ארבעט, און אין די קומענדיגע יאר וועט ער ארומגיין איבערקוקן די סוב-בעיסמענטס פון די קאָנדאָמיניומס וואס טייל זענען שפעטער אויפגעפיקסט געווארן, אזוי ווי די אנדערע בעיסמענטס אין קרית יואל.

דאס מיינט לויט דעם אז דערווייל איז דער אסעסאר'ס אפיס נאך ווייט פון פארטיג, און דער שטאב פון א 6-7 ארבייטער וועלן נאך האבן אסאך ארבייט די קומענדיגע צוויי יאר, ביז'ן ארויסהאבן א קלארן בילד איבער יעדע הויז און פראפערטי.

דער טאון אַסעסאָר'ס אפיס אויף 15 לעיק סט. איז אפן טעגליך פון 8 ביז 4 אזייגער, וואו מען קען זיך ווענדן פאר סיי וועלכע פראגע איבער די שטייער שאצונגען

# די פינסטערע פלענער פון די מוסרים

**[מיר זעצן איבער ווערטערליך דעם תמצית פון די פארלאנגען וואס זיי האבן אריינגעגעבן אין געריכט, וואס קען ברענגען אויסטערלישע שאדנס פאר גאנץ קרית יואל:]**

דעריבער פארלאנגען די אנקלעגער רעספעקטפול פונעם געריכט:

E. אורטיילן און דערקלערן אז די רעגירונגס אנגעלעגנהייטן פונעם ווילידזש אוו קרית יואל זענען פון נאטור אויס צוזאמגעמישט און פארקניפט מיט רעליגיע - אין באזונדערעס, רעליגיע לויט ווי עס ווערט פראקטיצירט דורך קהל יטב לב קרית יואל. - וואס מיינט אז איר עצם עקזיסטענץ און איר אנגיין אלס א מוניציפאלע קערפערשאפט אונטער די געזעצן פון ניו יארק סטעיט

F. און פארלעצט די "עסטאבלישמענט פונקט" פון די ערשטע אמענדמענט פון די אמעריקאנער קאנסטיטוציע, ווי עס איז פעליג געמאכט געווארן פאר די סטעיטס דורכ'ן 14'טן אמענדמענט.

G. פערמאנענט פארבאטן דעם אנגעקלאגטן סיזאר עי. פיראלעס, אין זיין אפיציעלע קאפאציטעט אלס אמטירנדער ניו יארק סעקרעטערי אוו סטעיט, און זיינע נאכפאלגער צו דעם אמט, פון אנערקענען די מוניציפאלע סטאטוס פון דער ווילידזש אוו קרית יואל.

**H. פאראדענען אז דער ווילידזש אוו קרית יואל זאל אויפגעלייזט ווערן, און אז אירע מוניציפאלע אנגעלעגנהייטן זאלן איבערגענומען ווערן דורך די טאון אוו מאנרא.**

[געענדיגט מיט דעם ארגינעלן שענדליכן פארלאנג, דרייען זיי ווייטער דעם מעסער וואס זיי שטעכן אריין פאר קרית יואל אין רוקן:]

I. אויב דער געריכט אנטזאגט זיך צו אויפלעזן דעם ווילידזש אוו קרית יואל, אדער אז איר מוניציפאלע סטאטוס זאל איגנארירט ווערן דורך די סטעיט אוו ניו יארק, דאן זאל די געריכט פאראדענען א פערמאנענטע אפהאלט באפעל:

A) בלאקירנדיג דער ווילידזש אוו קרית יואל און אירע באאמטע פון (1) פארסירן אירע געזעצן אין א קלייבערישע אדער דיסקרימינאטארישן שטייגער; (2) פון אויפשטעלן סיי וועלכע לאקאלע געזעצן וואס דיסקרימינירן אויפ'ן באזיס פון רעליגיע אדער סיי וועלכע באזיס; און (3) פון אויפשטעלן סיי וועלכע לאקאלע געזעץ וואס פארלעצט די "עסטאבלישמענט פונקט" אדער די "פרייע פראקטיצירונג פונקט" פון די ערשטע אמענדמענט פון די אמעריקאנער קאנסטיטוציע, ווי עס איז פעליג געמאכט געווארן פאר די סטעיטס דורכ'ן 14'טן אמענדמענט.

**B) בלאקירן סיי וועלכן באאמטער, דירעקטאר, אדער הויכראנגיקער פערזאן [חברי הנהלה] פון קהל יטב לב קרית יואל. אדער סיי וועלכע נאכפאלגער אדער די וואס ווערן באשטימט דערצו שפעטער פון: (1) האבן סיי וועלכע ווילידזש רעגירונגס אמט, אריינגערעכנט אבער נישט געצוימט צו די מעיאר אמט און טראסטי אמטן, פאר א צייט אפשניט פון 25 יאר; און (2) פון דינען אויפ'ן באורד אוו עדיוקעישאן ביים ווילידזש אוו קרית יואל יוניאן-פרי סקול דיסטריקט פאר א צייט אפשניט פון 25 יאר.**

**C) פאראדענען פאר'ן אנגעקלאגטן [ר'] אברהם ווידער אויפצוגעבן זיין איצטיגן אמט אלס מעיאר פונעם ווילידזש אוו קרית יואל, און אים פארבאטן פון אנהאלטן סיי וועלכע ווילידזש אמט, אויף אייביג.**

**D) פאראדענען [ר'] גדלי' סעגעדין אויפצוגעבן זיין איצטיגן אמט אלס ווילידזש אוו קרית יואל אדמיניסטראטאר און קלוירק, און אלע אמטן וואס ער האט צוגאבליך, אריינגערעכנט אבער נישט געצוימט צו: ווילידזש אַסעסאָר, און טשיף עלעקשאן אפיסער, און אים פארבאטן פון אנהאלטן סיי וועלכן ווילידזש אמט, פאר אייביג.**

**E) באפעלן דעם אנגעקלאגטן [ר'] משה [לייב] וויטריאל אויפצוגעבן זיין אמט אלס דירעקטאר פון קרית יואל ווילידזש דעפארטמענט אוו פאבליק סעיפטי, און אים בלאקירן פון אנהאלטן סיי וועלכן ווילידזש אמט, אויף אייביג.**

**F) באפעלן די אנגעקלאגטע: [ר'] יעקב [אלי'] רייזמאן, [ר'] משה גאלדשטיין, [ר'] יעקב פריינד, און [ר'] שמואל [אהרן] לאנדא, אויפצוגעבן זייערע איצטיגע אמטן פון ווילידזש אוו קרית יואל טראסטיס, און זיי בלאקירן פון אנהאלטן סיי וועלכן ווילידזש אמט, אויף אייביג.**

**G) באפעלן דורכצופירן ספעציעלע ווילידזש וואלן וואס זאל אפגעהאלטן ווערן ווי נאר עס איז פראקטיש מעגליך, נאכדעם וואס דער געריכט אורטיילט, און שטעלן א ספעציעלן געריכט באאמטן אדער א אומאפהענגיקער באבאכטער צו: (1) עסטאבלירן וואל דיסטריקטן אינעם ווילידזש אין וועלכע די דיסטריקט וויילער זאלן וויילן בלויז פאר איין פאליטישן אמט; (2) אויסוועלן און באשטימען צייטווייליגע באאמטע צו ערזעצן די אמטן וואס זענען ליידיג געווארן אלס רעזולטאט פונעם געריכטס אורטייל; ( 3) אויסוועלן א נייטראלע ארט וואו די ספעציעלע ווילידזש וואלן וועלן אפגעהאלטן ווערן; און (4) איבערזיכטן די ספעציעלע ווילידזש וואלן ווען עס וועט עווענטועל אפגעהאלטן ווערן.**

**H) באפעלן אז אלע ווילידזש וואלן, פאר א צייט אפשניט פון צען יאר נאכ'ן געריכטס אורטייל, זאלן זיין אונטער'ן אויפזיכט פון א געריכט באאמטן אדער א אומאפהענגיקער באבאכטער, און זאל אפגעהאלטן ווערן אין א לאקאל וואס וועט אויסגעקליבן ווערן דורך דעם מענטש.**

J אויב דער געריכט אנטזאגט זיך צו אויפלעזן דעם ווילידזש אוו קרית יואל און אז די סטעיט אוו ניו יארק זאל איגנארירן איר מוניציפאלן סטאטוס דאן זאל דער געריכט:

פאראדענען דעם ווילידזש צו געבן פאר'ן אנקלעגער קאנג. בית יואל די זאונינג באשטעטיקונגען וואס פעלן זיך אויס צוריק צו עפענען די שול ביים רביצינס הויז.

K שטעלן א ספעציעלן געריכט באאמטן אדער אן אומאפהענגיקער באבאכטער צו איבערזיכטן און מאניטארן די אנגעקלאגטע ווען זיי פאלגן אויס דעם געריכטס באפעל.

L אנהאלטן יוריסדריקציע אויפ'ן קעיס ביז די אנגעקלאגטע האבן פולשטענדיג אויסגעפאלגט די באפעלן פונעם געריכט, ביז עס איז דא א יושר'דיגע פארזיכערונג אז די אנגעקלאגטע וועלן פארזעצן אויסצופאלגן אינעם צוקונפט.

M) באלוינען אנקלעגער מיט שאדן ערזאץ געלטער און שטראף געלטער.

N) באלוינען אנקלעגער די קאסטן פונעם אנקלאגע, אריינגערעכנט יושר'דיגע אדוואקאטן קאסטן, און די געריכט קלאגע קאסטן, אין איינקלאנג מיט די אנגענומענע געזעצן.

אין קורצע ווערטער, אויסער זייער געמיינעם פארלאנג ארויסצוואווארפן די געטריייע, ערפארענע, און איבערגעגעבענע הנהלת הווילידזש און אירע איינגעשטעלטע, וועלכע האבן צו זייער קאנטע העכער 20 יאר פון אומגעהויערע לייסטונגען לטובת "אלע" תושבי קרית יואל, עפעס וואס וועט בלי שום ספק אריינווארפן די גאנצע ווילידזש פירערשאפט אין כאאס, פארמעסטן זיי זיך גאר אויסצורופן קריג קעגן די גאנצע ק"ק קהל יטב לב ד'סאטמאר!

מיר געדענקען אבער אלע נאך זייער גוט די שרעקליכע אומבאלומפערטע ווירטשאפט וואס דא האט זיך אפגעשפילט ווען די מוסרים מיט זייערע שטיצער/נאכשלעפער האבן געהאלטן אין די הענט די שליסלען פון די שטאט. וואספארא כאאס און איבערקערעניש עס האט געהערשט אין יעדן ווינקל, אזש די גאנצע שטאט איז באדראעט געווארן פון אריינגעשלעפט ווערן אין א באנקראט וואס וואלט געגנצליך אונטערגעברענגט די שטאט קרית יואל! ממש אזוי, גארנישט איבערגעטריבן. ווען זיי בלייבן דא נאך עטליכע יאר אין די ווירטשאפט וואלטן זיי היינט נישט געהאט די אלע פראבלעמען. ס'וואלט פשוט נישט געווען איבער וואס אדער מיט וועמען זיך צו קריגן!

PRAYER FOR RELIEF

WHEREFORE, Plaintiffs respectfully request that this Court:

A. Assume jurisdiction of this action;

B. Empanel a jury to hear all claims;

C. Adjudge and declare that the Village of Kiryas Joel, through its government officers, employees, and agents, applies and enforces its laws in a selective and discriminatory manner on the basis of religion in violation of the Equal Protection Clause of the Fourteenth Amendment to the United States Constitution;

D. Adjudge and declare that the Village of Kiryas Joel, through its government officers, employees, and agents, applies and enforces its laws in a selective and discriminatory manner on the basis of religion in violation of the Free Exercise Clause of the First Amendment to the United States Constitution, as made applicable to the states by the Fourteenth Amendment;

E. Adjudge and declare that the government affairs of the Village of Kiryas Joel are inherently infused and entangled with religion – in particular, religion as practiced by Defendant CYL-KJ – such that its very existence and operation as a municipal corporation under the laws of the State of New York violates the Establishment Clause of the First Amendment to the United States Constitution, as made applicable to the states by the Fourteenth Amendment;

F. Adjudge and declare the that the State of New York's recognition of the Village of Kiryas Joel's municipal status, and its provision of public funds and resources to it, violates the Establishment Clause of the First Amendment to the United States Constitution, as made applicable to the states by the Fourteenth Amendment to the United States Constitution;

Page 56 of 59

G. Permanently enjoin Defendant Cesar A. Perales, in his official capacity as acting New York State Secretary of State, and his successors to that Office, from recognizing the municipal status of the Village of Kiryas Joel;

H. Order the Village of Kiryas Joel dissolved, and its municipal affairs assumed by the Town of Monroe;

I. If this Court refuses to order the Village of Kiryas Joel dissolved or its municipal status disregarded by the State of New York, order a permanent injunction:

a. Enjoining the Village of Kiryas Joel and its government agents from (1) enforcing its laws and ordinances in a selective or discriminatory manner; (2) enacting any local law or ordinance that discriminates on the basis of religion, or on any other basis; and (3) enacting any local law or ordinance that violates the Establishment or Free Exercise Clauses of the First Amendment of the United States Constitution, as made applicable to the states by the Fourteenth Amendment to the United States Constitution;

b. Enjoining any officer, director, or high-ranking official of CYL-KJ, or of any successor or assignee thereof, from (1) holding any Village government office, including but not limited to the offices of Mayor and Trustee, for a period of twenty-five years; and (2) from sitting on the Board of Education of the Village of Kiryas Joel Union Free School District for a period of twenty-five years;

c. Ordering Defendant Abraham Weider to relinquish his current office of Mayor of the Village of Kiryas Joel and enjoining him from holding any Village office indefinitely;

d. Ordering Gedalye Szegedin to relinquish his current office of Village of Kiryas Joel Administrator and Clerk and all offices that he holds incidental to that position,

Page 57 of 59

including but not limited to Village Assessor and Chief Election officer, and enjoining him from holding any Village office indefinitely;

e. Ordering Defendant Moses Witriol to relinquish his office of Director of the Village of Kiryas Joel Department of Public Safety and enjoining him from holding any Village office indefinitely;

f. Ordering Defendants Jacob Reisman, Moses Goldstein, Jacob Freund, and Samuel Landau to relinquish their current offices of Village of Kiryas Joel Trustee and enjoining them from holding any Village office indefinitely;

g. Ordering a special Village election to be held as soon as practical after entry of this Court's Order and appointing a special master or independent monitor to (1) establish single-member voting districts within the Village; (2) select and appoint interim officers to replace those offices left vacant as a result of this Court's Order; (3) select a neutral site in which the special Village election will be held; and (4) oversee the special Village election when ultimately held;

h. Ordering that all Village elections, for a period of ten years following entry of this Court's Order, be overseen by a special master or independent monitor and be held at a location chosen by such master or monitor;

J. If this Court refuses to order the Village of Kiryas Joel dissolved or its municipal status disregarded by the State of New York:

a. Adjudge and declare that the Village's selective enforcement of its zoning regulations with respect to Plaintiff Cong. Bais Yoel, and its inability to properly constitute an impartial Planning Board or ZBA, violates the Religious Land Use and Institutionalized Persons Act; and

Page 58 of 59

b. Order the Village to grant Plaintiff Cong. Bais Yoel the zoning approval necessary to reopen its shul at the Rebitzon's house;

K. Appoint a special master or independent monitor to oversee and monitor Defendants' implementation of the requirements of this Court's Order

L. Retain jurisdiction of this case until Defendants have fully complied with the Orders of this Court, and until there is a reasonable assurance that Defendants will continue to comply in the future;

M. Award Plaintiffs compensatory and punitive damages;

N. Award Plaintiffs the costs of this suit, including reasonable attorneys' fees and litigation expenses, in accordance with 42 U.S.C. § 1988; and

O. Award Plaintiffs such other and further relief as the Court deems just and proper.

Dated: June 13, 2011
Goshen, New York

Respectfully submitted,

SUSSMAN AND WATKINS

By: [signature]
Michael H. Sussman (3497)
Attorneys for Plaintiff
55 Main Street
Goshen, NY 10924
(845) 294-3991

Page 59 of 59

VILLAGE OF KIRYAS JOEL
Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder
**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

# מודעה חשובה

## דערמיט טוען מיר מעלדן פאר דעם חשוב'ן ציבור שיחי'

## אז פון היינט און ווייטער

## וועט מען קענען דינגען פונעם ווילידזש אלע

# פארזאמלונג געברויכן

## ווי בעריקעידס, און די גרויסע באלייכטונג טורעמס

## פאר גרעסערע און קלענערע מסיבות, פארזאמלונגען און הכנסת ספר תורה

## פאר א מינימאלע אפצאל פער טאג, וואך, אא"וו

| | פער טאג | פער וואך |
|---|---|---|
| בעריקעידס | 4.75 per piece | 33.25 per piece |
| באלייכטונג טורעם | $157.00 | $406.00 |
| דעליווערי $75.00 | | |

## פאר מער אינפארמאציע רופט אריין אין ווילידזש אפיס:

# 783-8300 Ext. 2

מיט דאנק

## דער ווילידזש

# סעיפטי קאנפערענץ דורך עמוירדזשענסי באאמטע פון ניו יארק און ניו דזשוירזי פארגעקומען אין קרית יואל

(פארזעצונג פון זייט 1)

צוגעשטעלט דעם זאל פון "אשת חיל" וואו עס זענען איינגעלאדענט געווארן אלע עמוירדזשענסי אגענטורן, און פאליציי און געזעץ היטער אינאיינעם מיט פארשטייער פון אלע חרדי'שע ווילידזשעס און ארגאניזאציעס און עסקנים פון די ארומיגע געגנטער.

אין שפיץ פון די פארזאמעלטע האבן זיך אנגעזען די חברי הנהלת הווילידזש פון קרית יואל, הרה"ח ר' ישראל משה שפיטצער הי"ו דעפיוטי מעיאר פון ווילידזש אוו ניו סקווער, הרה"ח ר' שלמה קעניג דעפיוטי מעיאר פון ווילידזש אוו כתר, אויך זענען געווען אנוועזנד די ראשי חברה הצלה פון קרית יואל, מאנסי, מאנטרעאל, ניו סקווער, לעיקוואד, פאסעאיק, נאורט דזשורסי און היילענד פאולס, און די אנפירער פון חברים פון ברוקלין, קעטסקילס, מאנסי און קרית יואל.

אזוי אויך האבן זיך באטייליגט די פאליציי שעפן פון אלע ארומיגע טאונס און ווילעדזשעס פון מאנרא, וואודבארי, טשעסטער, קארנוואל און פאלסבורג. אזוי אויך די שעריף דעפארטמענט פון ארענדזש קאונטי, סאליוועז קאונטי, ראקלענד קאונטי, בערגען קאונטי. אין שפיץ האבן זיך אנגעזען פארשטייער פון די ניו יארק סטעיט פאליס פון באזונדערע ראיאנען, פון די קאנאדישע גרעניץ ביז ניו יארק סיטי, און אויך די פענסילוועניע סטעיט פאליס.

באזונדער האבן זיך באטייליגט די פירער פון די עמוירדזשענסי 911 סערוויסעס פון ארענדזש קאונטי, סאליוועז קאונטי און אלסטער קאונטי. ראקלענד פראמעדיק סערוויסעס, רידזשענעל אי. עם. עס., ארענדזש קאונטי מאביל לייף סופארט סערוויסעס, סאליוועז קאונטי מאביל מעדיק, לייף-נעט העליקאפטער סערוויסעס, און די מעדיקל עקזעמינאר פון ניו יארק און ניו דזשערסי.

די סיבה פון דאס צוזאמברענגען די אלע אגענטורן וואס זיי פארפיגן אויף די עמוירדזשענסי סערוויסעס אין די אלע געגנטער וואס ווערן באנוצט דורכ'ן חרדי'שן ציבור אין ניו יארק, איז אנצוקניפן באציאונגען און צו שאפן א באקאנטשאפט צווישן די אלע אגענטורן, וואס דאס איז גאר א וויכטיגע זאך, ווייל על כל צרה שלא תבא ח"ו זאל מען וויסן מיט וועמען מען האנדלט, און מען זאל קענען מסדר זיין אלעס על צד היותר טוב.

די אלע געסט זענען אויפגענומען געווארן מיט כבוד און עהרע דורכ'ן ווילידזש ביי געדעקטע טישן אין זאל פון אשת חיל, וואו עס האט צום ערשט אויפגעטרעטן דער חשוב'ער מעיאר פון קרית יואל הרה"ח ר' אברהם ווידער שליט"א וועלכער האט איינגעלייטעט די מסיבה באגריסנדיג די פארזאמעלטע בכבוד הראוי ארויסברענגענדיג דעם ציל פון דעם וויכטיגן זיצונג פאר אלע אגענטורן צוגלייך.

דערנאך האט אויפגעטרעטן דער ווילידזש פובליק סעיפטי דירעקטאר ר' משה לייב וויטריאל הי"ו, וועלכער האט זיך באדאנקט פאר די אלע פאליצייאישע אגענטורן וואס האבן זיך גענומען די מיה אראפצוקומען קיין קרית יואל צו אדרעסירן דעם זיצונג.

דאן האט אויפגעטרעטן דער ווילידזש "לאו ענפארסמענט ליעזאן" מר. פרעסטאן פעלטאן, וואס האט אין די פארגאנגענע יארן געדינט אלס "ניו יארק סטעיט פאליס סופעראינטענדענט", און זייענדיג גאר א הויכראנגיקער און קוואליפיצירטער מאן אין די געזעץ-היטער רייען, האט דער ווילידזש אים אויפגענומען מיט עטליכע חדשים צוריק אלס פארבינדונגס מאן צווישן קרית יואל און אלע לאו ענפארסמענט אגענטורן, אנגעהויבן פון די לאקאלע סטעיט פאליס און שעריף באאמטע, ביז צו די גרויסע פעדעראלע אגענטורן.

מר. פעלטאן האט ארויסגעברענגט די וויכטיגקייט פון האלטן נאנטע באציאונגען צווישן די אלע אגענטורן און האט געזאגט אז דער היינטיגער זיצונג וועט זיכער העלפן פאר'ן צוקונפט מען זאל קענען ארבעטן אינאיינעם.

נאכדעם זענען די פארזאמעלטע באזונדער באגריסט געווארן דורך די חרדי'שע מעיארן פון די אנדערע אידישע ווילעדזשעס, ר' ישראל משה שפיטצער הי"ו פון ווילידזש אוו ניו סקווער, און ר' שלמה קעניג פון ווילידזש אוו כתר.

דאן האט מען געהערט וויכטיגע אנווייזונגען פון דעם סאליוועז קאונטי אנדער שעריף מר. עריק שאבאטי, וועלכער האט ארויסגעברענגט די וויכטיגקייט פון גיין מיט ריפלעקטארס בפרט אין די געגנטער אין די קעטסקילס וואס פארמאגן נישט קיין סיידוואקס און פארמאגן ווייניג לעקטערס ביינאכט, וואו עס איז ממש סכנות נפשות צו גיין אויפ'ן ראוד אן א רעפלעקטאר.

אויך האט ער אנגעזאגט אז ווען מען גייט אינאיינעם מיט די קינדער זאל מען אנכאפן די קינדער און זיך האלטן צו די זייטן פון דעם ראוד און זיין שטארק פארזיכטיג פון די שנעל-פארענדע קארס וועלכע שטעלן ח"ו אין א סכנה די פיסגייער ביי די זייטן פונעם ראוד.

דערנאך האט אויפגעטרעטן מיט קורצע ווערטער דער בערגען קאונטי שעריף, וועלכער האט זיך באדאנקט פאר די חברה הצלה פון קרית יואל מיט וועמען די ארטיגע שעריפס דעפארטמענט האלט אן נאנטע באציאונגען שטייענדיג גרייט על כל צרה שלא תבא ח"ו.

אויך האט מען געהערט אנווייזונגען פונעם שעף פון די סאוט פאלסבורג פאליציי, וואס האט ארומגערעדט איבער די וויכטיגקייט פון האלטן ריין און פארמאכט די גארבידזש קאנעס, כדי דאס זאל נישט צוציען בערן וועלכע גייען נאך דעם גערוך פון עסן.

דערנאך האט מען געהערט א רעדע פון א באאמטן אינערהאלב דעם ניו יארק סטעיט פאליס פירערשאפט, וועלכע האט צווישן אנדערע אויפמערקזאם געמאכט איבער דעם נייעם געזעץ אז ווען עס געפונט זיך א פאליציי קאר אדער אמבולאנס ביי אן עמוירדזשענסי

(פארזעצונג אויף זייט 27)

**בריוו פון הגאון הדומ"ץ שליט"א איבער די שעדליכקייט פון דעם באנוץ פון סקוטערס און איבער די וויכטיגקייט פון העלמעטס**

**איבערגעזעצט אויף אידיש לתועלת הרבים**


שלום אליקים
געציל בערקאוויטש
דומ"ץ קרית יואל יצ"ו

RABBI G. BERKOWITZ
39 SATMAR DR. #201
MONROE, NY 10950
845-783-8715-8


בעזהשי"ת

עס שטייט ארויסגעשריבן אין פסוק "ונשמרתם מאוד לנפשותיכם" און יעדער איד איז מחויב משתדל צו זיין וויפיל עס איז מעגליך צו ראטעווען זיך און די קינדער פון א יעדע סכנה, און אוועקצונעמען פון אונז אלע גורמים און אלע וועגן וואס פירן צו א סכנה.

מיר האבן שוין געהערט אין די פארגאנגענהייט און יעצט נאך מער, פון די ראשי "חברה הצלה" וואס זענען זיך מוסר נפש פאר הצלת ישראל, אז איינע פון די מערסט מסוכנ'דיגע כלים וואס געפונט זיך אין אונזער שטאט, איז דער "סקוטער", וואס דאס האט שוין בעוונותינו הרבים צוגעברענגט צום שעדיגונג פון אסאך אידישע קינדער בדמים תרתי משמע, און צומאל איז דאס ליידער אנגעקומען ביז פיקוח נפש ווען דאס האט אפגעקאסט טייערע לעבנס רחמנא לצלן.

און דאס זעלבע מיט די אנדערע גרעסערע און קלענערע קינדער ביציקלעך ווי א ביגווי"ל וכדומה קענען אויך פארוואנדעלט ווערן צו מסוכנ'דיגע כלים אויב מען באנוצט זיך דערמיט אן א העלמעט צו באשיצן דעם קאפ, אז אויב מען פאלט ח"ו זאל ח"ו נישט געשעדיגט ווערן דער קאפ ה"י.

**און היות אז בעווה"ר האט פאסירט א שרעקליכע אומגליק ביי אונז אין שטאט ה"י, וואס דאס האט פאסירט דורכ'ן זיך באנוצן מיט דעם שעדליכן סקוטער, דעריבער וויל איך ווארענען מיט אן הארבן ווארענונג פון אלע איינוואוינער אין די שטאט, אז לויט דעם דעת תורתינו הקדושה ליגט א פליכט אויף די עלטערן אכטונג צו געבן בכל תוקף ועוז אז קיין שום קינד זאל זיך נישט באנוצן מיט קיין "סקוטער" בשום פנים ואופן (אויך נישט מיט א העלמעט), און אזוי אויך די אנדערע געווענליכע ביציקלעך זאל מען זיך נישט באנוצן נאר מיט א העלמעט וואס דאס פארלאנגט זיך אויך לויט'ן געזעץ, כדי צו זיין באשיצט פון יעדע צרה וצוקה.**

און השי"ת זאל אפהיטן אונזערע וועגן לחיים ולשלום פון יעצט ביז אייביג, און אלע אידישע קינדער זאלן גראטעוועט ווערן פון אלע פגעי הזמן און פון אלעם שלעכטס, און מיר זאלן שוין אינגיכן זוכה זיין צום אנקום פון משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

וע"ז באעה"ח כ"ד ניסן תש"ע לפ"ק, פה קרית יואל יצ"ו

# KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT

48 Bakertown Road Suite 401 • Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176


## TRANSPORTATION DEPARTMENT

מיט גרויס פרייד מעלדן מיר פאר די חשוב'ע עלטערן שיחיו,
אז אין א פארזוך צו פארגרינגערן און פארבעסערן די קאמיוניקאציע סיסטעם
צווישן די עלטערן און די טראנספארטאציע דעפארטמענט,

האבן מיר איינגעשטעלט א

# קאמיוניקאציע ליין

**וואו איר קענט רופן במשך א גאנצן טאג איבער סיי וועלכע פראבלעם אדער קאמפלעינט**

**פאר סיי וועלכע טראנספארטאציע אנגעלעגנהייט רופט:**

# 782-2300 Ext. 123

**מיר האבן אויפגענומען א ספעציעלע דיספעטשאר וואס וועט אויפהייבן**
**און ענטפערן די טעלעפאנען, ווען איר רופט אריין אין די פאלגענדע זמנים:**



פון **מאנטאג** ביז **דאנערשטאג:** פון **9:00** צופרי ביז **5:00** נאכמיטאג
**פרייטאג:** פון **9:00** צופרי ביז **1:00** נאכמיטאג



**אין פאל פון אן עמוירדזשענסי, צב"ש א פארלוירן קינד אדער אן עקסידענט ח"ו,**
**קען מען רופן 24 שעה אויפ'ן זעלבן נומער, און דער קאל וועט געטערענספערט ווערן**
**צו א סעליולער טעלעפאן פונעם טראנספארטעישאן דעפארטמענט.**

פאר אלע אנדערע אנגעלעגנהייט, צב"ש א טויש אין אדרעס, א קאמפלעינט אדער א פראגע, זאל מען רופן בלויז אין די אויבנדערמאנטע שעה'ן.

**אכטונג: אויב איר מופט אין א נייע דירה, ביטע רופט אריין וויינינגסטנס 2 וואכן בעפאר**

מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע און האפענונג אויף אייער פארשטענדעניש.

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**

Beirach Moshe - Kiryas Yoel
D. A. Wieder Blvd
Monroe, NY

ביהמ"ד "ברך משה" דקיס"ל
היכל מנחם זאב הירש
קרית יואל יצ"ו

# נוה הצדק צב"י תפארתו, יעלה נא על ראש שמחתו

עת הזמיר הגיע, על זאת שבחו אהובים ומיטב ברכותינו נביע
קול ששון ושמחה ברגשי תודה לא נוכל להתאפק, כי לו יאה ונאה בלי ספק
ידיו רב לו לכל דבר שבקדושה עד בלי די, עושה צדקה וחסד להחיות נפש כל חי
**בית מדרשינו** הוא הנדיב, **היכל מנחם זאב** היא לנו **למנח"ם** נפש משיב
**ארון הקודש והפרוכת** לרומם כבוד התורה בהדרתא, **צב"י** ואתרעי בן ומסר לן אורייתא
צדקת ה' עשה במרץ, **מקוה מנחם זאב בביהמ"ד הגדול** המהולל בכל אפסי ארץ
**במחנה בית רחל** גם רכש לו זכות בנין בנדבת לבו הטוב, עם זכותי' לרוב
ידו נטוי' עוד ועוד כמה פי, עושה רצון צדיק **לטובת המתיבתא הק'** כלילת יופי

ה"ה ידידינו הנכבד, אשריך ישראל נאמר ברבי **עקיב"א**,
לחן ולכבוד **צב"י** תפארה, הרבני הנגיד כש"ת

מוה"ר **עקיבא צבי קליין** הי"ו

**פטרון, בריח התיכון ועמוד התוך של בית מדרשינו**
**וחבר הנהלת המתיבתא הק' פה קרית יואל יצ"ו**
ומנב"ת זוגתו החשובה תחי', העומדת לימינו וחלק כחלק תאכל בפרי ידיו

לרגל השמחה רבה השורה במעונו, ועידן חדוותא בארמונו

## שמחת נישואי בתו החשובה תחי' למז"ט

היום יום א' לס' והנה ברכת "ברך", ב' דר"ח תמוז

"מזל טוב" לך ענו שירה, כולנו יחד כל בני החבורה!

בשמחתו יעלו על ראשו זכיותיו האדירים, להשפיעו ברכות ה' כספירים מאירים
רבבות שעות של תורה ותפלה וטהרה היקרים מפז, היוצאים מהיכל ובנין הלז
כולו אומר כבוד את מזלו הטוב להיות הולך וגדול, וזרעו וכספו ירבה כחול
מזיווג זה ומכל יוצ"ח לראות טבון וקשוט, והקשר קיימא לעולם לא ימוט
שמחה ונחת ישמע תמיד במעונו, והוא ישלח ברכה והצלחה בגופו ובממונו
הון ועושר בבריות גופא וכל מיני ברכות לרוב, עדי נזכה לישועה בקרוב

המשתתפים בשמחה ברגשי הוקרה והערצה
**הנהלת הביהמ"ד**
בשם כל הלומדים והמתפללים

# מזל טוב




עסקנים פון ביהמ"ד ישמח משה בשכונת ברך משה האבן אין די פארגאנגענע וואכן מפיץ געווען דעם גליון "והשכונה אומרת" אין בעפארברייטונג צו דעם פאנדרעיזינג קאמפיין פונעם ביהמ"ד החדש



מען פלאסטערט אויס פון דאסניי די גאסן אין שכונת ברך משה



מען פלאסטערט אויס די גאס אויף עיקערס ראוד

# ועד העירוב

## שע"י הנהלת הקריה - קרית יואל יצ"ו

בפיקוח כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א והגאון הדומ"ץ שליט"א

# לידיעת הציבור

## ווילן מיר אויפמערקזאם מאכן דעם חשוב'ן ציבור אויף די פאלגענדע פונקטן:

- **דער ועד העירוב טראגט דעם אחריות נאר אויף דעם גרויסן עירוב וואס ווערט צוגעשטעלט דורך די הנהלת הקריה וואס נעמט ארום גאנץ קרית יואל, מיר נעמען נישט קיין אחריות אויף די כשרות פון די פריוואטע עירובין אויף פארשידענע ערטער ארום דעם שטעטל וואס ווערן באהאפטן צום גרויסן עירוב.**

- היות עס זענען דא פריוואטע עירובין וואס זענען מחובר צום גרויסן ערוב, און עס איז דא אידן וואס טראגן אויף דעם חשבון, דארף מען זייער נזהר זיין און יעדער איינער וואס וויל טראגן דערמיט איז אליין באחריות אז די כשרות פונעם פריוואטן עירוב ווערט כסדר איבערגעקוקט און אז עס איז אונטער איינעמס אחריות, ווייל בעבר האט שוין פאסירט אין געוויסע פעלער צב"ש אום ווינטער ביי א שווערן וועטער, אדער זומער ווען עס איז אנגעגאנגען בוי ארבעט און דער עירוב איז פסול געווארן, און פאר'ן אייגענטומער איז געווען שווער צו פאררעכטן זיין פריוואטן עירוב און ער האט זיך טאקע צוריקגעהאלטן פון טראגן אום שבת, אבער די אנדערע מענטשן וואס טראגן אויף זיין חשבון האבן נישט געוואוסט דערפון. (עס קען זיך אויך מאכן אויב יענער פארט אוועק אויף שבת און קוקט נישט איבער זיין עירוב).

- די אלע איינוואוינער וואס וואוינען ביי די גרעניצן פון דעם עירוב זאלן אכטונג געבן ווען זיי באגעגנען סיי וואספארא זאך ביים עירוב צוים וואס קען שטעלן אין א שאלה דעם כשרות פונעם עירוב, זאלן תיכף ומיד רופן דעם ועד העירוב אויפן נומער : **845-492-3261** (עס דארף באמערקט ווערן אז טראץ וואס די הנהלת הקרי' האט אריינגעלייגט אסאך געלט פאר א שטארקען צוים ארום די גאנצע שטאט וואס האלט זיך פאר לאנגע יארן בעז"ה, דאך קען זיך מאכן אז דער צוים זאל צוליב א סיבה ווערן צובראכן, דעריבער אויב באמערקט מען עפעס זאל מען דאס איינמעלדן פאר'ן ועד).

- **סיי וועלכע קאנסטראקשאן ארבייט עס ווערט אונטערגענומען בשכינות פונם עירוב צוים זאל מען תיכף ומיד איינמעלדן פאר'ן ועד העירוב, מען זאל נישט ווארטן ביז דער צוים ווערט שוין דורכגעבראכן, נאר מען זאל שוין מעלדן בשעת מען מאכט די בוי פלענער, אזוי אויך איז וויכטיג אז ווען דער עירוב צוים ווערט איבערגעבראכן זאל מען נישט ווארטן ביז סוף וואך איינצומעלדן דערוועגן נאר מען זאל גלייך רופן כדי מען זאל עס נאך קענען פאררעכטן אויף שבת.**

**ויה"ר אז בזכות שמירת שבת כהלכתו ווען מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה בקרוב בב"א**

מיט שעצונג

## ועד העירוב

גמ"ח הצלה אפעלירט צו אייך:
פארט איר
סיי ווען, סיי וואו,
און איר האט פלאץ?
ביטע רופט:
845-782-5376

# ריכטער באשטימט דאטום פאר די קאונטי צו פארטיידיגן קלאגע פון וואודבארי איבער דעם סוער אפמאך מיט קרית יואל

(פארזעצונג פון זייט 6)

צאלן דעם ספעציעלן סוער שטייער, האט אבער די קאונטי במשך אלע יארן אויך פארדינגען פרייוויליג צוויי מיליאן גאלאן א טאג פון סוער אפלויף רעכטן, פאר די "מודנע" קאמיוניטיס. דאס איז א פאראיין פון פינף מוניציפאליטעטן: א חלק פון טאון אוו מאנראו, טאון אוו וואודבארי, טאון אוו בלומינג גראוו, טאון אוו טשעסטער און ווילידזש אוו טשעסטער, וואס די פינף געגנטן זענען אויך אין ארענדזש קאונטי אבער זיי זענען פאקטיש נישט אין די גרעניצן פונעם "סוער דיסטריקט", נאר וויבאלד זיי האבן נישט קיין אייגענעם סוער סיסטעם, האבן זיי אפגעדינגען סוער רעכטן פון די קאונטי'ס סוער פלענט.

אין די סוף 90' יארן האט די פעדעראלע געריכט גאורטיילט, אז די קאונטי מוז צובויען צום עקזיסטירנדן סוער פלענט, צו קענען באהאנדלען נאך צוויי מיליאן גאלאן סוער. די קאונטי האט דאן אנגעהויבן די ארבעט און אנגעהויבן צו בויען דעם נייעם פליגל פונעם סוער פלענט, וואס קען באהאנדלען פרישע 2 מיליאן גאלאן א טאג.

אבער דא האט זיך די קאונטי געזען מיט א פראבלעם, נעמליך אז דער הויפט טענה וואס איז דאן אנגעגאנגען אין געריכט קעגן דעם קרית יואל וואסער פייפליין אז מען קען נישט בויען נאך דירות ווייל עס איז נישט דא גענוג סוער, וועט צוגיין ווי א זייפן בלאז, און עס וועט ווערן קלאר אז עס איז יא דא גענוג סוער פאר'ן וואוקס פון קרית יואל.

דעריבער זענען זיי געקומען צו א באשלוס, אז פון די פרישע צוויי מיליאן גאלאן סוער וואס איז געווארן עוועליבעל, וועט בלויז איין מיליאן גאלאן סוער גיין פאר'ן סוער דיסטריקט וואס נעמט אריין קרית יואל, און איין מיליאן גאלאן וועט מען פארקויפן אין די איילעניש פאר די דרויסנדע "מודנע" קאמיוניטיס. מיט די שריט האט די קאונטי געוואלט פארזיכערן אז קרית יואל וועט נישט קענען נוצן די פרישע סוער אפלויף מעגליכקייטן לטובת דעם אויפבוי פונעם וואסער פייפליין.

צוזעענדיג דעם מצב, איז קרית יואל געצווינגען געווארן צו גיין אין געריכט קעגן די קאונטי, מיט א שטארקע טענה: ממה נפשך. אויב איז דא גענוג סוער אין די קאונטי, פארוואס האט מען געקלאגט די ווילידזש איבער'ן פייפליין? און אויב איז נישט דא גענוג סוער, וויאזוי קענען זיי יעצט פארקויפן איבריגע סוער פאר "מודנע", אויפ'ן חשבון פון קרית יואל וואס געפינט זיך אין די קאונטי סוער דיסטריקט?

דאן איז ארויסגעקומען דער אורטייל פונעם ניו יארק סטעיט סופרים קאורט, וואס האט פאראורדענט אז די קאונטי קען נישט פארקויפן קיין סוער פאר אנדערע געגענטן בעפאר זיי פירן דורך א פולשטענדיגע "ענווייראנמענטאל איבערזיכט", באגלייט מיט א שטודיע וואו עס דארף ווערן אויפגעוויזן אז עס איז דא גענוג סוער אפלויף בעתיד פאר'ן באנוץ פון די פראפערטיס אינערהאלב דעם 'סוער דיסטריקט', אריינגערעכנט פאר'ן באנוץ פון תושבי קרית יואל, און נאר אויב זיי קענען דאס אויפווייזן, קען מען פארקויפן סוער רעכטן פאר אנדערע דרויסנדיגע געגענטער.

די קאונטי האט געהאט א שטארקן פראבלעם מיט דעם געריכט אורטייל ווייל פון איין זייט וואלטן זיי געוואלט פארדינגען סוער פאר די מודנע קאמיוניטיס צו פארדינען געלט דערפון, אבער נאך מער פון דעם איז געווען א צווייטע אנטוויקלונג וואס האט זיי נאך מער געדרוקט צו קענען פארקויפן סוער, דאס איז די "קעמפ לאגווארדיע פראפערטי".

די קעמפ לאגווארדיע פראפערטי האט אמאל באלאנגט פאר די סיטי אוו ניו יארק, און שפעטער האט עס די קאונטי אפגעקויפט אויס זארג אז עס וועט אריינפאלן אין די הענט פון קרית יואל. למעשה איז די קאונטי געבליבן שטעקן מיט דעם שטח און האט דאס געזוכט צו פארקויפן פאר דעוועלאופערס כדי צו פטור ווערן דערפון און צוריק פארדינען דאס געלט.

אבער כדי צו קענען פארקויפן די פראפערטי האט די קאונטי זיך געמוזט פארפליכטן פאר די דעוועלאופערס אז די קאונטי וועט זיי צושטעלן סוער פאר דעם קעמפ לאגווארדיע פראפערטי, אבער אצינד נאכ'ן געריכט אורטייל וואלט די קאונטי מער נישט געקענט פארקויפן קיין סוער פאר די קעמפ לאגווארדיע דעוועלאופער.

## די שליכטונג מיט די קאונטי

אין די זעלבע צייט האט זיך אנגעהויבן אינטענסיווע פארהאנדלונגען צווישן דעם ווילידזש און די קאונטי, איבער די מעגליכקייטן צו קומען צו אן אויסגלייך איבער דעם סכסוך, אריינעמענדיג אין בילד די קלאגע פון די קאונטי קעגן דעם וואסער פייפליין. נאך צענדליגער שעות פון פארהאנדלונגען צווישן דעם חשוב'ן מעיאר הרה"ח ר' אברהם ווידער שליט"א מיט זיין שטאב, מיט דעם קאונטי עקזעקיוטיוו עדי דייענא און זיין שטאב, איז בסייעתא דשמיא אויסגעארבעט געווארן א ענדגילטיגער לעזונג צו אלע סכסוכים.

לויט'ן אפמאך איז די קאונטי איינגעגאנגען אויסצופאלגן דעם פאראורדענונג פון געריכט, דורכצופירן א "סופלעמענטאל ענווייראנמענטאל איבערזיכט", באגלייט מיט א שטודיע וואו עס דארף ווערן אויפגעוויזן אז עס איז דא גענוג סוער אפלויף בעתיד פאר'ן באנוץ פון די פראפערטיס אינערהאלב דעם 'סוער דיסטריקט', אריינגערעכנט פאר'ן באנוץ פון תושבי קרית יואל, און דעריבער וועלן זיי קענען באקומען ערלויבעניש פון געריכט צו פארקויפן סוער רעכטן פאר די "מודנע" קאמיוניטיס, וואס דאס מיינט אויך אז זאלן קענען האבן בוי רעכטן אויף די קעמפ לאגווארדיע פראפערטי, און זיי זאלן קענען ארויסזען זייער געלט.

כדי צו קענען אויפווייזן אז עס איז דא גענוג סוער, האט זיך די קאונטי פארפליכטעט גיזעצליך אז ווען דער יעצטיגער סוער פלענט וועט ווערן 85 פראצענט אנגעפילט, וועט זיך די קאונטי גלייך נעמען צובויען צום סוער סיסטעם, כדי מ'זאל קיינמאל נישט אויסלויפן פון סוער, און מ'זאל שטענדיג קענען אנהאלטן דאס בויען ווייטערדיגע בוי פראיעקטן אינעם סוער דיסטריקט, אריינגערעכנט קרית יואל.

אין די זעלבע צייט ווען אלע דעטאלן זענען אויסגעארבעט געווארן, איז אנגעגאנגען העפטיגע אינטערווענצן דורכ'ן קאונטי לעגיסלאטור מייקל עימאו צו באאיינפלוסן די אנדערע מיטגליגער אין דעם קאונטי לעגיסלאטור צו שטימען פאר דעם אפמאך. מייקל עימאו טוט פארטרעטן קרית יואל אין די קאונטי לעגיסלאטור, און ער שטעלט זיך אלעמאל ארויס פאר די קרית יואל איינוואוינער אפילו ווען ער בלייבט איינער קעגן אסאך אנדערע.

שפעטער ווען דער אפמאך איז פארגעלייגט געווארן דורכ'ן קאונטי עקזעקיוטיוו דייענא, פאר'ן גאנצן ארענדזש קאונטי לעגיסלעיטאר - וואס ביישטייט פון 21 מיטגלידער - פאר באשטעטיגונג, איז דאס נאך א העפטיגע דעבאטע באשטעטיגט געווארן מיט 13 קעגן 8 שטימען.

דאנארשטאג פ' יתרו תש"ע לסדר והייתם לי סגולה מכל העמים איז געווען א שטארקער דורכברוך פאר'ן עתיד פון קרית יואל, ווען עס איז בסייעתא דשמיא אויסגעגליכן געווארן די דיפערענצן צווישן קרית יואל מיט די קאונטי, ברענגענדיג דעם פרישן מעגליכקייט פאר קרית יואל צוצוקומען סיי צו דעם לעבנסוויכטיגן וואסער געברויך צו קענען בויען דעם פייפליין, און סיי צו דעם וויכטיגן סוער געברויך צו קענען ווייטער אויפבויען דירות פאר אונזערע קינדער און אייניקלעך על טהרת הקודש אין דעם הייליגן ווינקל אפגעזונדערט פון די פרעמדע גאס ביז משיח'ס טאג.

מיט א קורצע צייט שפעטער איז דער אפמאך אויך באשטעטיגט געווארן אין געריכט, און דערמיט דעקלערט געווארן א 'גרין לייט' פאר'ן וואסער פייפליין צום ניו יארק סיטי עקוואדאקט, אזוי אויך וואלט דער לאנגיאריגער סוער שטרייט געקומען צו א פאזיטיווע ענדע.

## די יעצטיגע קלאגע

מיט עטליכע חדשים צוריק זענען די פן ירבה אקטיוויסטן פון וואודבארי אויפגעקומען מיט א טענה אז דער סוער אפמאך איז נישט געווען אויסגעהאלטן, ווייל ווי געזאגט האט זיך די קאונטי פארפליכטעט אז ווען דער יעצטיגער סוער פלענט וועט ווערן 85 פראצענט אנגעפולט, וועט זיך די קאונטי גלייך נעמען צובויען צום סוער סיסטעם, כדי מ'זאל קיינמאל נישט אויסלויפן פון סוער.

טענה'ן די אנקלעגער אז די קאונטי האט קיינמאל נישט דורכגעפירט קיין "ענווייראנמענטאל שטודיע" אויף די אפעקט וואס דאס צובויען צום סוער פלענט וועט גורם זיין פאר די גאנצע געגנט, און לויט זייער טענה האט די קאונטי נישט געהאט קיין רעכט זיך אונטערצונעמען צוצובויען צום סוער פלענט איידער זיי האבן דורכגעפירט אן ענווייראנמענטאל איבערזיכט דערויף.

באזונדער קלאגן זיי די קאונטי, איבער דאס פארקויפן סוער פאר די דעוועלאופער פונעם קעמפ לאגווארדיע פראפערטי, וואס די פראפערטי איז אויך אין איינע פון די מודנע קאמיוניטיס.

ווי פריער דערמאנט איז עס די אינטערעסע פון די קאונטי צו קענען פארקויפן סוער רעכטן פאר די קעמפ לאגווארדיע דעוועלאופער כדי צו פטור ווערן פון דעם שטח און צוריק פארדינען דאס געלט. אבער דאס האט אויפגעברענגט צארן ביי די שכינות'דיגע מוניציפאליטעטן וועלכע זענען אנטי וואוקס געשטימט, און זיי פארלאנגען פונעם געריכט, צו צווינגען די קאונטי זיי זאלן נישט קענען פארקויפן קיין סוער פאר די קעמפ לאגווארדיע דעוועלאופערס.

וויבאלד עס איז אבער די אינטערעסע פון די קאונטי צו פארקויפן סוער פאר קעמפ לאגווארדיע, דעריבער האט די קאונטי געזוכט צו שטערן די קלאגע און געפאדערט פונעם געריכט אז מען זאל ארויסווארפן די קלאגע פון וואודבארי קעגן זיי.

## דער געריכט נעמט אן די קלאגע

פארגאנגענעם מאי 20 האט אבער דער געריכט דערקלערט אז זיי וועלן נישט ארויסווארפן די קלאגע, נאר דער געריכט וועט דאס יא אננעמען און אריינקוקן דערין און אויסהערן די טענות פון ביידע צדדים.

דער ריכטער האט פאראורדנט פאר די קאונטי אריינצוגעבן זייערע טענות ביז ענדע יולי למספ', וואו זיי וועלן דארפן אויפווייזן די אויסגעהאלטנקייט פון דעם סוער אפמאך וואס איז געשלאסן געווארן מיט קרית יואל, אין די זעלבע צייט ווערט אויך געפלאנט אין די קארידארן פון די קאונטי צו אפעלירן דעם אורטייל, צום אפעלאט געריכט, יא ארויסצווארפן די גאנצע קלאגע.

קרית יואל קוקט ארויס מיט אנגסט אויף די אנטשיידונג פון דעם געריכט, ווייל טראץ דעם וואס קרית יואל איז שוין בעז"ה פארזיכערט מיט וואסער דורכ'ן פייפליין, קען מען אבער נישט בויען קיין דירות אן קיין סוער.

תושבי קרית יואל זענען מתפלל אז זכותו הגדול פון רביה"ק זי"ע וואס האט מייסד געווען דעם שטעטל מיט'ן ווילידזש זאל ווייטער שטיין צו די רעכטע האנט פון קרית יואל דורכצוברעכן אלע שוועריגקייטן אויפ'ן וועג.

ותטה לב המלכות עלינו לטובה.'

# וויכטיגע סעיפטי קאנפערענץ דורך עמוירדזשענסי באאמטע פון ניו יארק און ניו דזשורזי פארגעקומען אין קרית יואל

(פארזעצונג פון זייט 23)

סצענע דארפן זיך אלע קארן אוועקרוקן צום ווייטסטן לעין פאר די זיכערהייט פון די עמוירדזשענסי באאמטע.

באזונדערע סעיפטי אנווייזונגען זענען געהערט געווארן פון דעם ראקלענד קאונטי שעריף, וועלכער האט ארומגערעדט איבער די שעדליכקייט פון טעקסטן בשעת'ן דרייוון, נאכברענגענדיג פון לעצטערע שטודיעס אז דאס זיין פארנומען מיט טעקסט מעסעדזשעס ביים דרייוון נעמט אוועק 50 פראצענט פון דעם מח קאנצעטרירונג פונעם מענטש, און עס נעמט אים אוועק פון דעם ראוד, ברענגענדיג צו ערנסטע עקסידענטן רח"ל.

מיט א גאר וויכטיגע רעדע האט אויפגעטרעטן הרה"ח ר' משה אהרן שטיינבערג הי"ו מנהל חברה הצלה דקרית יואל, וועלכער האט ווארעם באגריסט די עמוירדזשענסי באאמטע פון די אלע ארומיגע געגנטער מיט וועמען הצלה קומט אפט אין בארירונג במשך די זומער חדשים פירנדיג פאציענטן פון די קעטסקילס ביז די גרעסערע שפיטעלער אין ניו יארק.

ר' משה אהרן האט ארויסגעברענגט די וויכטיגקייט פון טראנספערירן די פאציענטן צו די בעסטע שפיטעלער כדי זיי זאלן באהאנדלט ווערן אויף דעם בעסטן אופן, און די וויכטיגקייט אכטונג צו געבן אז פאציענטן קומען נישט אן ח"ו צו נאכגעלאזטע שפיטעלער און מעדיקל צענטערן וואו מען טוט פארנאכלעסיגן די פאציענטן ה"י.

ווי אויך האבן אויפגעטרעטן די עסקנים הרה"ח ר' ארי' לייב גלאנץ הי"ו און הרה"ח ר' בעריש פריילך הי"ו ווי אויך מו"ה שמחה קליין הי"ו פון די מאנסי הצלה מיט וויכטיגע פונקטן פאר די זיכערהייט פונעם ציבור.

דערנאך האבן די עסקנים געהאט די געלעגנהייט זיך צו טרעפן פערזענליך מיט די רעגירונגס באאמטע און אויסטוישן פארשידענע אינפארמאציע וואס עס קומט אויס אסאך צו האנדלען דורכ'ן יאר. די פארזאמעלטע האבן אויסגעדרוקט א שטארקע צופרידנהייט פון די צוזאמענארבעט פון אלע אגענטורן באדאנקענדיג זיך פאר הנהלת קרית יואל פאר'ן צוזאמברענגען אזויפיל וויכטיגע לייט וואס די געוואונטשענע רעזולטאטן האבן זיך דערקענט אויפ'ן פלאץ.

כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך.

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220



**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman


# וויכטיגע מעלדונג!

## אין די יעצטיגע טעג גייט אן אין א מזל'דיגע שעה די לאנג-ערווארטעטע

# סיידוואק און ראוד רענאוואציע ארבעט

## אויף די גאסן פון:

# טעילאר, פילמאר, אוהעל, מרדכי שעהר, רימינאוו און סטראפקוב

## וואו די ראודס און סיידוואקס ווערן פארברייטערט
## פאר'ן וואוילזיין פון די פיסגייער און פון די דרייווערס.

**די רענאוואציע ארבעט ברענגט מעגליך שוועריגקייטן דורכצופארן די גאסן, דערפאר בעטן מיר די חשוב'ע איינוואוינער צו האבן איינזעעניש און פארשטענדעניש, במשך די קאנסטראקשען ארבעט.**

כדי צו מאכן די סיידוואקס ברייטער און באקוועמער פאר די פיס גייער, וועט מען אינגאנצן אריינרוקן אלע פאסט באקסעס, פייער היידרעינס, סטריט לייטס און די גארבידזש הייזער ביז נאכ'ן סיידוואק, און מ'וועט דאס לייגן ביים גרעניץ פונעם ווילידזש שטח און פון די פריוואטע פראפערטיס, כדי עס זאל נישט שטערן די דורכגייערס.

זעלבספארשטענדליך אז אלע פאסט קעסטלעך וכדומה וואס וועט אוועקגענומען ווערן במשך די ארבעט, וועט צוריקגעשטעלט ווערן תיכף נאכדעם וואס דער פראיעקט וועט זיין פארטיג.

**מיר ווענדן אן אלע מעגליכקייטן, אז די ארבעט זאל געמאכט ווערן די שנעלסטע וואס מעגליך, כדי די אומאנגענעמליכקייטן זאלן זיין אויפ'ן קלענסטן פארנעם און אין די ווייניגסטע צייט אפשניט.**

מיר האבן באשטימט דעם "קאמיוניטי סערוויס" דירעקטאר, ר' אהרן שמואל שרייבער נ"י, אויסצוהערן סיי וועלכע קאמענטארן, פארלאנגען אדער קאמפלעינטס איבער דעם פראיעקט. איר קענט זיך פארבינדן מיט אים אויפ'ן נומער: 783-8300 Ext. 228

**מיט דאנק, דער ווילידזש**

# צווייטע ווערסיע פון "דרעפט-רעפארט" פאר'ן וואסער-פייפליין פולקאם פארענדיגט; געשיקט פאר די סטעיט און סיטי אגענטורן

(פארזעצונג פון זייט 5)

(די-או-טי), די נ.י. סטעיט "העלט דעפארטמענט", די אראנדזש קאונטי "העלט דעפארטמענט", און די ניו יארק סיטי פירערשאפט. די אלע אגענטורן פארלאנגען צו זעהן א פונקטליכן דעזיין פלאן בעפאר זיי זענען מסכים ארויסצוגעבן די נויטיגע פערמיטן.

דעריבער האט מען צום ערשט צוזאמגעברויכט צושטעלן א "דרעפט רעפארט" וואס דאס איז בלויז אן ערשטער כלליות'דיגער באריכט איבער אלע חלקים וואס וועלן אריינגענומען ווערן אין דעם פראיעקט, אריינגערעכנט דעם קאנעקשאן צום פייפליין, דער פאמפ סטאנציע אין ניו ווינדסאר, דער לאנגער פייפליין זעלבסט, און דער פילטער פלענט נעבן קרית יואל.

## על של עתה: דער צווייטער "דרעפט-רעפארט"

נאכדעם וואס במשך 2010 למס' האבן די אינזשענירן געארבעט צוזושטעלן דעם ערשטן "דרעפט רעפארט", האבן זיי אריינגעשיקט דעם פלאן פאר אלע רעגירונגס אגענטורן וואס זענען פארבינדן מיט דעם פראיעקט, כדי זיי זאלן וויסן פון פאראויס פונקטליך וואס מ'פלאנט צו טון, און צו זיין אינפארמירט דורכאויס די גאנצע צייט וויאזוי יעדער טריט ווערט דורכגעפירט.

דער פלאן איז טאקע איבערגעקוקט געווארן דורך די געניטע אויגן פון די סטעיט און סיטי אגענטורן, וועלכע האבן צוריקגעשיקט א ליסטע פון פילע דעטאלן וואו זיי האבן פארלאנגט מער ערקלערונג.

די עקספערטן און אינזשענירן האבן זיך באלד גענומען צו דער ארבעט, און ביז א קורצע צייט איז צוגעשטעלט געווארן א צווייטע ווערסיע פונעם "דרעפט-רעפארט", וועלכע איז פארטיג געווארן דעם פארלאפענעם חודש מאי למס'.

דער איצטיגער דרעפט רעפארט - וועלכע אדרעסירט שוין אלע זייערע פארלאנגען און פאדערונגען - איז באלד אפגעשיקט געווארן צו די אגענטורן, כדי זיי זאלן קענען זאגן זייערע באמערקונגען, און עס האפנטליך באשטעטיגן בעז"ה.

## דער ענדגילטיגער און דעטאלירטער "רעפארט בוך"

נאכדעם וואס דער "דרעפט רעפארט" ווערט באשטעטיגט, הייבט זיך אן די קאמפליצירטע ארבעט פאר די אינזשענירונג פירמע: צוצושטעלן א ברייטער דעטאלירטער "דעזיין פלאן" - אין פארעם פון גאנצע ביכער בלו-פרינטס און סקעדזשועלס - וואו עס וועט ווערן אויסגעארבעט און פארשריבן יעדע קליינע דעטאל פונעם פראיעקט.

כדי נישט צו פארלירן קיין צייט, האבן די געטרייע ווילידזש באאמטע, האנט ביי האנט מיט די אינזשענירונג פירמע, באשלאסן אנצוהייבן מיט די ארבעט היפש פריער, און אין די פארלאפענע וואכן און חדשים זענען שוין אינוועסטירט געווארן פיל צייט, כח, געלט, און מחשבה, אויסצוארבעטן די גענויע דעטאלן פונעם ברייטן און ענדגילטיגן "דעזיין פלאן".

די ארבעט נעמט אריין אין זיך מער וויפיל דער פאפיר ערמעגליכט צו פארצייכענען, אבער עס איז ווערד צו נאטירן אין קורצן:

פון איין זייט גיבט זיך אפ א ספעציעלע "סערוועיער פירמע" וועלכע גייט פיזיש אדורך די גאנצע דרייצן מייל (!) וואו דער פלאן לויטעט אז דער וואסער פייפליין וועט זיך אדורכציען, און צייכנט אויף אלע פראפערטי ליניעס און מאפעס פאר וועמען עס באלאנגט; וואו מען קען טעכניש יא/נישט אדורכגיין; אלע פיזישע אביעקטן וועלכע וועלן דארפן גערוקט אדער אויסגעקרייזט ווערן; די סייז פון יעדן בערגל/טאל וואס עס וועט דארפן דורכשניידן; ראודס און געביידעס וועלכע לויפן אדורך דעם וועג; א.א.וו. אלע פילצאליגע דעטאלן אין די גאנצע ברייט פון די פראפערטיס וועלכע וועלן אריינקומען אין בילד דורכאויס די גאנצע בוי-ארבעט.

נאכדעם וואס אלע דעטאלן זענען שוין אריינגעברענגט געווארן אין בילד אין פארעם פון איין צענטראלע מאפע, ווערט די ארבעט פונעם סורוועיאר איבערגענומען דורך די "אינזשענירונג-פירמע" וועמענ'ס אויפגאבע עס איז צו נעמען די אלע אינפארמאציע און עס דורכשטודירן און צושטעלן די פלענער וויאזוי מען זאל אויפבויען דעם פייפליין צום ביישפיל אויב דער סורוועיאר האט אנגעצייכנט אויף א ספעציפישן ארט אז דארט געפונען זיך גרויסע שטיינער, וועלן די אינדזשענירן פארשרייבן די פלענער וואס עס פעלט זיך אויס דורכצוברעכן די שטיינער, אזוי אויך וויפיל אינטשעס יעדע פייפ זאל זיין וכדומה. די אינדזשענירן טוען צושטעלן דעם פאקטישן "בלו-פרינט", אויף וואס די בוי-ארבעט וועט קענען נאכפאלגן מיט גרויס פונקטליכקייט און פאראנטווארטליכקייט.

עס איז דער האפענונג אז דער ברייטער און דעטאלירטער רעפארט-איבערזיכט וועט פארפולקאמט ווערן ביז געציילטע חדשים, דאן וועט עס באלד אריבערגעשיקט ווערן צו די סטעיט און סיטי אגענטורן, וועלכע וועלן עס "אדורכלערנען", און מיט די באגלייטונג און פארבינדונג מיט די געטרייע ווילידזש באאמטע און געניטע עקספערטן וועלן זיי דאס בעז"ה באשטעטיגן, וואס דאס קען געדויערן א בערך'דיגע מינומום פון א האלבן יאר פאר די באשטעטיגונג פראצעדור, דערנאך קומט דער 'ביד' פראצעדור וואו עס וועט אויסגעקליבן ווערן א פאסיגע פראפעסיאנאלע בוי פירמע וועלכע וועט אנהויבן מיט די פאקטישע מלאכת הבני' בשטומ"צ לשמחת כולנו.

*

עס איז ווערד צו נאטירן אז די אנגייענדע דרעפט רעפארטס, סורוועיערס, דעזיין פלענער און לעגאלע און ביוראקראטישע פראצעדורן, ציען אריין אין שווערע הונדערטער טויזנטער דאללארן. אבער לויט ווי די געטרייע הנהלת הקריה - שלוחי דרחמנא ושלוחי דידן - געבן איבער, זענען אלע געלטער ווערד צו פארזיכערן אז דער געוואונטשענער און לאנג-ארויסגעקוקטער וואסער פראיעקט לתועלת אלפי תושבי העיר ווערט נישט פארשלעפט, נאר מאכט פארשריט צו יעדנס וואונטש און אינטערעסע להרחבת גבולי הקדושה.

אין די זעלבע צייט שפאנט פאראויס די אנגייענדע בוי-ארבעט צו גראבן פאר פרישע וואסער קוועלער, וועלכע זאלן צושטעלן א גרויסן וואסער-פלוס פאר תושבי העיר, ווי עס ווערט פארלאנגט מטעם די סיטי אוו ניו יארק, אלס א צייטווייליגער "בעק-אפ סיסטעם" אנשטאט דעם וואסער פייפליין.

תושבי קרית יואל געבן אפ א שבח והודי' צום אויבערשטן אויף די געוואלדיגע חסדים וואס האבן באגלייט די הנהלת הקרי' ביז אהער, און זענען ווייטער ממשיך צו מתפלל זיין אז זכותם הגדול פון רבותינו הקדושים זי"ע זאל ווייטער שטיין צו די רעכטע האנט פון "הנהלת קרית יואל" צו קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה עד ביאת הגואל.

# קרית יואל'ער דרייווערס און פיסגייער טוען דיסקוסירן און אויסשמועסן טרעפיק-אויסברייטערונג-פלענער ביים פובליק קאנפערענץ; פארגאנגענעם מאנטאג חקת אין קרן וויואל משה

(פארזעצונג פון זייט 2)

פראיעקט.

די אינדזשענירן האבן פרעזענטירט די פונקטליכע פלענער אויף גרויסע טאוולען וועלכע זענען ספעציעל אויפגעשטעלט געווארן פאר דעם צוועק, אנצייגנדיג און אויסשמועסנדיג די גענויע פלענער אויף קלארע מאפעס.

עס זענען אויך אנוועזנד געווארן אויפ'ן ארט אינדזשענירן פונעם טאון און מאנרא - נעמענדיג אין באטראכט אז געוויסע טיילן פונעם פראיעקט וועלן אריינעמען אויך שטחים וועלכע באלאנגען פאר'ן טאון - און זיי האבן געשטעלט פארשידענע פראגעס פאר די אינדזשענירונג פירמע, וועלכע האבן דיסקוסירט פונקטליך אלע דעטאלירטע אינפארמאציע.

מטעם דעם ווילידזש האבן זיך באטייליגט דער געטרייער ווילידזש אדמיניסטראטאר הרה"ח ר' גדלי' סעגעדין הי"ו; הר"ר משה גרובער הי"ו ווילידזש קאנסאלטענט; הר"ר זלמן לייב שטערן הי"ו פאבליק ווארקס; הר"ר ליפא קליין הי"ו קאנסטראקשן אינספעקטאר; און דער ווילידזש פלענינג אינדזשעניר מר. דזשערי מעקדאנעלנד.

נאכדעם וואס די אינדזשענירן האבן אויפגעטרעטן מיט א ברייטע פרעזענטאציע פון אלע פלענער צו געבן א בליק פאר תושבי העיר - סיי דרייווערס און סיי פיסגייער - איבער'ן מאסיוון פראיעקט, זענען די פלענער אויסגעשמועסט געווארן דורכ'ן ציבור, וועלכע האבן אויסגענוצט די געלעגנהייט צו לאזן הערן זייערע מיינונגען - פון אייגענער ערפארונג - וויאזוי צו פארבעסערן און פארשענערן דעם פראיעקט צו יעדנ'ס וואונטש און צופרידנהייט.

עס האבן זיך באטייליגט פארשטייער פון די בארימטע "מאנרא באס" פירמע; "טראנספארטאציע דעפארטמענט" פון די סקול דיסטריקט; די ווילידזש באס סערוויס; "סאניטאציע דעפארטמענט" און "מצילי אש"; א היבשע צאל היימישע קאר סערוויס דרייווערס; יונגעלייט וואס זייער פרנסה איז אין די דעליווערי ליין; אזוי אויך א באדייטענדע צאל פיסגייער, וועלכע האבן כולם כאחד געלאזט הערן ווי וויכטיג דער פראיעקט איז פאר'ן ברייטן ציבור, און דערביי האבן זיי פארגעשלאגן פארשידענע נוצליכע און ווערדפולע אינפארמאציע וועלכע וועט בעז"ה בייהילפיג זיין פאר דעם קריטיש-וויכטיגן פראיעקט.

צווישן די באטייליגטע איז אויך געווען א דעלעגאציע פון חשוב'ע תושבי "שכונת ברך משה", מיט א בקשה אויסצוברייטערן דעם פראיעקט, צולייגנדיג "סיידוואלקס" לענגאויס בעיקערטאון רד. ביז עיקערס ראוד, כדי צו פארלייכטערן פאר די תושבי השכונה וועלכע ווילן אנקומען קיין עיקערס ראוד.

אזוי אויך האט זיך אנגעזען דער באטייליגונג פון חשוב'ע פראפערטי אייגנטומער און בוי דעוועלאפער שיחיו - וואס זייערע שטחים גרעניצן זיך מיט דעם ריזן פראיעקט. די חשוב'ע פראפערטי אייגנטומער האבן אויך אויסגענוצט די געלעגנהייט אויסצושמועסן פארשידענע וויכטיגע פונקטן, ווערדפולע הערות זענען דיסקוסירט געווארן, צו פארזיכערן יעדנ'ס צופרידנהייט על צד היותר טוב.

בנוסף לזה וואס אלע געדאנקען און פארשלאגן פונעם ציבור זענען פארצייכנט געווארן ביי די אינדזשענירן; זענען פארטיילט געווארן ספעציעלע בויגנס אויפצוצייכענען שריפטליך סיי וועלכע מיינונג אדער פארשלאג וואס קען זיין בייהילפיג פאר'ן פראיעקט. די אלע געדאנקען וועלן גענומען ווערן אין באטראכט - סיי פון די דרייווערס און סיי פון די פיסגייער - בנוגע די ראודס, סיידוואקס, טוירן לעינס, טרעפיק סיגנאלן, סטאפ סיינס, אא"וו, כדי צו פארזיכערן אז דער פראיעקט ווערט געקרוינט מיט סוקסעס צו יעדנ'ס צופרידנהייט בעז"ה.

*

ווי פארשטענדליך איז דער ריזיגער פראיעקט נאך אצינד אינעם פלאנירונגס-שטאפל, אבער דער היסטארישער קאנפערענץ איז געווען א שטארקער שטופ אויף פאראויס פאר אזא וויכטיגן פראיעקט, און איז איינע פון די צענדליגע שטאפלען אנצוקומען ביז'ן שפיץ פונעם לייטער. די געדאנקען וועלן אצינד פארצייכנט ווערן; די פלענער וועלן אוועקגעשיקט ווערן צו די אינסטאנצן און רעגירונג אגענטורן; און נאכדעם וואס עס וועט בעז"ה באשטעטיגט ווערן, וועט דער פראיעקט אדורכגיין א בידינג פראצעדור, און ארויסגעגעבן ווערן פאר א פראפעסיאנאלע בוי פירמע, וועלכע וועט - האפנטליך אין קומענדיגן זומער תשע"ב הבעל"ט - ערמעגליכט ווערן אנצוהייבן מיט די פאקטישע בוי-ארבעט.

תושבי העיר, וועלכע וועלן בעזר השי"ת געניסן פון דעם געוואונטשענעם פראיעקט, דרוקן אויס א הארציגן יישר כח פאר די ארבעט ביז אהער, און זענען מתפלל ווייטער פאר די הצלחה פון די הנהלת הקריה וואס האבן אינזין די צוקונפט, נישט נאר במחשבה נאר טוען פאקטישע שריט אקענצוקומען די כסדר'דיגע וואוקס בליעה"ר, און געבן זיך אפ מיט די פארצווייגטע און קאמפליצירטע ארבייט, פון וואס אלע וועלן בענעפיטירן בעז"ה.

ותשועה ברוב יועץ.

KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT
48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176
TRANSPORTATION DEPARTMENT

בס"ד

# וויכטיגע טראנספארטאציע זיכערהייט מעלדונג פאר די חשוב'ע עלטערן

סערווירנדיג טעגליך אייערע טייערע קינדערלעך שיחיו, זענען מיר צופרידן צוצושטעלן די בעסטע טראנספארטאציע סערוויס מיט די גרעסטע מאס אחריות און פונקטליכקייט.

**אזוי ווי אונזער הויפט ציל איז אכטונג צו געבן אויף די זיכערהייט פון די קינדער וואס פארן מיט די באסעס, ווילן מיר אויפמערקזאם מאכן איבער די פאלגנדע פונקטן וואס די קינדער דארפן זיין זייער פארזיכטיג:**

ווען מ'גייט צום באס סטאפ אדער מ'קומט פונעם באס סטאפ, זאל מען גוט קוקן אויף די לינקע זייט, רעכטע זייט, און נאכאמאל די לינקע זייט, בעפאר מ'גייט אריבער די גאס.

**ווען מ'ווארט פאר'ן באס, זאל מען נישט שטיין ביים "קוירב" נאר אביסל אריינציר.**

ווען מ'קומט אראפ פון באס, זאל מען גיין קודם 5 גרויסע און גלייכע טריט, אז ערשט נאכדעם זאל מען זיך דרייען רעכטס אדער לינקס אהיימצוגיין. מ'זאל זיך נישט איינדרייען ממש נעבן דעם באס.

**אויף א פלאץ וואו ס'איז נישטא קיין סיידוואקס, זאל מען גיין ביים זייט פונעם ראוד, מיטן פנים צום טרעפיק, און מ'זאל שטיין ווי ווייט מעגליך פונעם ראוד וואו די קארס פארן.**

ווען מ'קומט אראפ פון באס, זאל מען מאכן זיכער אז מ'קען זעהן דעם דרייווער, און ווארטן אז דער דרייווער זאל ווייזן מיט די האנט אז מ'קען אריבערגיין די גאס.

**מ'זאל קיינמאל נישט צוריקגיין אויב מ'האט עפעס איבערגעלאזט אויפ'ן באס.**

מ'זאל זיך קיינמאל נישט אראפבייגן אונטער'ן באס אדער נעבן דעם באס.

אז מיר וועלן טון
אונזער פליכט און זיין פארזיכטיג
וועט השי"ת האלטן די
רעכטע האנט אויף אונז אלע
צו ווערן אפגעהיטן פון יעדן שטרויכלונג
אין אלע אונזערע וועגן.




מיט דאנק
פאר אייער קאאפעראציע

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**

# בוי-ארבעט ביים "קינדער-פאַרק" אין פולן שוואונג

## ווערט פארגעזעצט בעז"ה דורכאוים די זומער חדשים

(פארזעצונג פון זייט 5)

פעדעראלע ענווייראנמענטאלע אגענטור - אונטער'ן נאמען ארמיי 'קארפס אף אינזשעניר' - דעריבער האט יעדער דעטאל געמוזט אדורכגעפירט ווערן מיט א גרויסע מאס פארזיכטיגקייט און לויט די פונקטליכע פארשריפטן פון די אגענטורן.

אין ליכט פונעם פאקט אז אויף דיביימער האלטן זיך אויף אין די זומער חדשים פארשידענע באשעפענישן - ווי "פלעדערמויזן" און "טשערעפאכעס" א.ד.ג. - דעריבער פאדערט דאס געזעץ זיך צוצואיילן און אויסהאקן אלע ביימער אין די סאמע ווינטער חדשים, נאך איידער די פארשידענע בעלי חיים רוקן זיך אן אויפ'ן ארט.

אבער דאס איז אויך נאר נאכדעם וואס מען האט אראפגערופן א פראפעסיאנאלע פירמע וואס זאל דורכפירן אן אונטערזוכונג אויף דעם גאנצן וואלד, צי עס איז טאקע ריין פון די באשעפענישן, און ערשט נאכדעם וואס זיי האבן דאס באשטעטיגט פאר די סטעיט האט מען געקענט צוטרעטן צו די ארבעט.

אין צוגאב דערצו איז לעצטנס איינגעשטעלט געווארן דורך די סטעיט פרישע געזעצן צו באשיצן די 'נאטור', און צווינגען בוי-אונטערנעמער צו אינסטאלירן שווערע און קאסטבארע איינריכטונגען וואס זאל פארזיכערן אז דער קוואליטעט פון די רעגן וואסערן וואס פאלט אויף דעם סייט, זאל זיין פונקט אזוי ריין ווי בעפאר מען האט אנגעהויבן די בוי ארבעט, און די רעגן וואסער זאל נישט ווערן פארפעסטעט פון די ערד בשעת די בוי ארבעט.

צווישן אנדערע מוז מען ארומנעמען דעם גאנצן סייט מיט א שווארצע דיקע פלעסטיק, וואס זאל אפהאלטן דעם שטראם וואסער פון אראפגיין פונעם סייט. ווי אויך דארף ווערן דיזיינט און אויפגעבויעט גיגאנטישע קאסטבארע אונטערערדישע "וואסער דיטענשען פעסיליטיס", וואו די וואסער זאל זיך האלטן פאר עטליכע טעג, און די גריבער דארפן זיין ארומגענומען מיט פילטער טעכנאלאגיע וואס פילטערט אויס די וואסער און לאזט דאס צוביסלעך אריין אין דער ערד, שוין אפגערייניגט.

### די אנגייענדע בוי-ארבעט ביים אויסגראדן דעם שטח

נאכדעם וואס פילצאליגע לעגאלע פראצעדורן זענען שוין נאכגעקומען געווארן בעז"ה, האט מען אנגעהויבן מיט די פאקטישע מלאכת הבני', אויפצושטעלן דעם "קינדער פארק" צו יעדנ'ס צופרידנהייט.

נעמענדיג אין באטראכט אז דער פארק געפינט זיך אויף א גרויסן שטח פון 10 אקער לאנד וואס פארמאגט אין זיך העכערע און נידריגע ערטער, דעריבער איז איינס פון די וויכטיגסטע זאכן געווען אויסצוגראדן דעם גאנצן שטח, אוועקצונעמען די בערג און אנצופילן די גרובער, צו קענען אהערשטעלן דעם פארק פאר'ן באנוץ פון די קינדער און ערוואקסענע.

בשעת די ארבעט ווערט אויסגעפירט אין די איצטיגע חדשים, ווערט - אין די זעלבע צייט - אונטערגענומען א באזונדערע ארבעט, דאס ארייינציען וואסער-פייפס; סוער-פייפס; און דרעינידזש אינעם גאנצן שטח, וואס דאס דארף גענוצט ווערן פאר עטליכע צוועקן. אזוי אויך אונטער דעם גאנצן פארק וועלן זיך ציען וואסער פייפס וואס וועט גענוצט ווערן צו באוואסערן די גראז און ביימער איבערנאכט, און אויך דארף מען וואסער פאר די סינקס און די ביה"כ וואס וועט ווערן צוגעשטעלט אויפ'ן ארט.

ווי פארשטענדליך וועט דער שטח אויך ווערן פארזיכערט בעז"ה מיט זיכערהייט-אפאראטן, און דעריבער איז א טייל פון די איצטיגע ארבעט ביים צוגרייטן דעם באדן צוצורישן דעם באדן מיט לעכער פאר די עלעקטראנישע-דראנטן פאר זיכערהייט און לעקטערס.

האפנטליך אויף ענדע זומער וועט די ערד שוין זיין גרייט צו גיין ווייטער, נעמליך דאס אויספלאסטערן און אהערשטעלן אלע וועגן לענגאויס דעם צען אקער לאנד, דורך גיסן די צעמענט פאר די סיידוואקס און וואלקוועיס אין דעם פארק, ווי אויך די קוירבס וואס וועלן ארומנעמען דעם פארק, און די גרויסע ריטעיינינג ווענט ביי די ערטער אין דעם פארק וואס ווערן העכער.

ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה...

---

## עדיטאריעל:

# רבן דקרו!

(פארזעצונג פון זייט 3)

אזוי ווערן אויסגעשפילט?! איין זאך, דער ווילידזש! בלויז אדאנק א געטרייע אחריות'דיגע הנהלת העיר, מיט'ן כח און רצון צו פארזיכערן דעם כסדר'דיגן וואוקס פון די שטאט און איר צוקונפט, האט דער רבי געקענט זיין רואיג, ינוח בשלום על משכבו אז דער בוים וואס ער האט אנגעפלאנצט וועט ארויסגעבן הערליכע פירות אויף דורי דורות.

צי קען מען זיך דען פארשטעלן דעם צער און ווייטאג פון רביה"ק זי"ע בגנזי מרומים, אז נישט קיין אנדערע ווי קרית יואל'ע איינוואוינער האבן אויפגעהויבן א האק אונטערצוהאקן דעם פרעכטיגן בוים?! לאמיר לייגן אין א זייט אלע פערזענליכע געפילן און פריוואטע אינטערעסן, ווער פון צווישן אונז איז גרייט ווען משיח וועט קומען זיך צו שטעלן פנים אל פנים מיט אבינו רועינו, און אים זאגן אז יא, איך בין געווען דער וועלכער איז גרייט געווען פאר מיין פריוואטן תאות הנצחון אונטערצוברעכן אלעס וואס דו האסט זיך אזוי געפלאגט אויפצושטעלן?!

עס קומט אין די נאנטע טעג דער 32'סטער יארצייט פון אונזער הייליגן רבי'ן זי"ע. ווען הונדערטער טויזנטער אידן גיסן זיך אויס דאס הארץ מיט זייערע בקשות ביים ציון הקדוש און בעטן אונזער געטרייען טאטן ער זאל ארויפטראגן אונזערע תפילות צו הקב"ה. וויאזוי וועלן די אידן זיך וואגן ארויסצוגיין בעטן סיי וואס פון רבי'ן זי"ע, אינדערצייט וואס ער וועט זיי פרעגן, פארוואס מאכט איר חרוב מיין ביטערע הארעוואניע?! די אלע וועלכע שמייכלען זיך אונטער און קלאפן אין רוקן פאר די אנקלעגער, וויאזוי וועלן זיי קענען זיך אויסדרייען און צייגן דאס פנים פאר'ן רבי'ן, נאכ'ן אים אזוי שוידערליך מצער זיין אויפ'ן עולם העליון?!

ווי גרויס איז דער חילול השם!

אוי לנו מיום הדין! אוי לנו מיום התוכחה!


# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

## -קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט-

# לתועלת הרבים!

מיר ווילן מודיע זיין פאר'ן חשוב'ן ציבור אז עס איז דא א ספעציעלע נומער וואו איר קענט אריינרופן איבערקוקן צו אייער לייסענס איז אין ארדענונג

די נומער איז:

**518-474-0841**

מען קען רופן דעם נומער פון מאנטאג ביז פרייטאג פון 8:00 אינדערפרי ביז 4:00 נאכמיטאג.

**עס איז וויכטיג צו וויסן! עס מאכט זיך אפט אז מען האט פראבלעמען מיט די לייסענס און מען ווייסט נישט דערפון;**

**זייט געווארנט! דרייוון מיט סוספענדירטע לייסענס איז אומלעגאל, די פאליצי' קען ארעסטירן דערפאר און אוועקנעמען דעם קאר**

די קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט


KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT
48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176
טראנספארטאציע דעפארטמענט
וויכטיגע טראנספארטאציע זיכערהייט אנווייזונגען
אריינטרעטנדיג אין די זומער חדשים, ווען די קינדער געפונען זיך מער אויף די גאסן, אפעלירן מיר צו די חשוב'ע עלטערן אנצוזאגן די קינדער אויף די פאלגענדע פונקטן:
קינדער זאלן ח"ו נישט שפילן אדער גיין אויף די ראודס נאר אויפ'ן סיידוואק.
ווען עס פאלט ארויס א שפילצייג אויפ'ן ראוד זאל מען עס ח"ו נישט נאכלויפן אן די אויפזיכט פון אן ערוואקסענעם.
אפי' ווען מען פארט מיט א "ביגוויל" אויפ'ן סיידוואק זאל מען אויך נישט פארן ווילד נאר געלאסן.
בפרט זאל מען זייער אכטונג געבן אין די געגנטער וואס זענען אויף בערג, אז די קינדער זאלן ח"ו נישט אראפפארן די בערג מיט סיי וועלכע ביציקעל צוליב די גרויסע סכנה!
א באזונדערע ווענדונג צו די דרייווערס:
פארקט נישט אויפ'ן ראוד ווייל ס'איז א גרויסע סכנה.
ווען איר פארקט אויפ'ן גאס טוט איר דערמיט אריינשטעלן אין א סכנה אייערע אייגענע קינדער ח"ו
אז מיר וועלן טוהן אונזערע פליכטן על פי תורה, וועט השי"ת האלטן די רעכטע האנט אויף כלל ישראל, און מיר וועלן אלע האבן א געזונטן זומער
מיט שעצונג
די טראנספארטאציע דעפארטמענט